# תּיקון

## אַ קליינע אַנטאָלאָגיע
## פֿון פֿרעמדשפּראַכיקער
## ייִדישער פּאָעזיע

אין וועלוול טשערנינס איבערזעצונגען

# תיקון

## אַ קליינע אַנטאָלאָגיע

פֿון פֿרעמדשפּראַכיקער ייִדישער פּאָעזיע

אין וועלוול טשערנינס איבערזעצונגען

ISBN 978-5-6044634-1-3

# תּיקון

## אַ קליינע אַנטאָלאָגיע פֿון פֿרעמדשפּראַכיקער ייִדישער פּאָעזיע

אין וועלוול טשערנינס איבערזעצונגען

© וועלוול טשערנין

קאָרעקטור און רעדאַקטור: יעלענע סאַראַשעווסקאַיאַ
הילע און דיזײַן: טאַטיאַנאַ איסטאָמינאַ

# Tikkun

## Short Anthology of Jewish Poetry in Non Jewish Languages
## in Velvl Chernin's interpretation

Copyright © Velvl Chernin

ПРИ ПОДДЕРЖКЕ
ФОНДА
ПРЕЗИДЕНТСКИХ
ГРАНТОВ

ביראָבידזשאַנער שטערן
Birobidzhaner Shtern

BIROBIDZHAN 2021 ביראָבידזשאַן

**פֿונעם איבערזעצער** ........ 6

**הײַנריך הײַנע**

„אַך, די זעלבע אויגן ווידער...“ ........ 9
צו אדום! ........ 10
דו האָסט דיאַמאַנטן און פּערלען ........ 11
די לאָרעליי ........ 12

**פּיאָטר ווײַנבערג**

„ער איז אַ טשינאָווניק א טריבער...“ ........ 15

**לודוויג זאַמענהאָף**

רעגן ........ 17

**פֿראַנץ קאַפֿקאַ**

א קליינער משל ........ 19

**זמיטראָק ביאַדוליאַ**

יהודה ווערט פֿאַרהייראַט ........ 21

**אָסיפּ מאַנדעלשטאַם**

„אַ יונגער לוי מיט כהנים אויף דער וואַך...“ ........ 25

**איוואַן גאָל**

שעהן ........ 27
דער געזאַלצענער ים ........ 28
דער שטויב־בוים ........ 29

**טריסטאַן צאַראַ**

"אַ קרענק אַ פֿינצטערניש..." ........ 31
„קוקט זיך צו צו מיר...“ ........ 32
היפּערבאָלע וועגן קראָקאָדילישן שערער און שפּאַציר־שטעקן ........ 33

**יעווגעני שוואַרץ**

יום־הדין ........ 35

**דוד קנוט**

כ׳בין דוד־ארי בן מאיר ........ 41
די קעשענעווער לוויה ........ 44

**מיכאַיל סוועטלאָוו**

גרענאַנדע ........ 49

**לעאָניד פערוואָמײַסקי**

אין באַבי יאַר ........ 53
אַש ........ 54

**סאַווע האָלאָוואַניוווסקי**

ווידוי ........ 57
אַן אָרט אונטער דער זון ........ 59

**יולי טאַובין**

„אין דר׳אויסן איז אַ מולד און אַ קעלט...“ ........ 63
„פּאַנאָראַמען פֿון בלאָטעס אין וואַלד...“ ........ 64

**אבֿרהם קאַצנעלסאָן**

„איך ווייס, אַז גאָר ניט שולדיק זײַט איר דאָך...“ ........ 67
„מײַן קליינער זון האָט מיך געפֿרעגט ........ 69

**אהרן קאָפּשטיין**

די נאַכט אויף דער סטאַנציע בירָאבידזשאַן ........ 71
קאַווענעס ........ 73

**פּאַוועל קאָגאַן**

בריגאַנטינע ........ 75

**צעציליע דינערע**

אַספּקלריא ........ 77
דעם זון ........ 79

**פּאַול צעלאַן**

טויטספֿוגע ........ 83

**נאַום טיכי**

אַ תּפֿילה פֿאַר אוקראַיִנע....87

**הענריך סאַפּגיר**

ווייטיק....91
בערג....92
דער טאָפּלטער שאָטן....93

**וולאַדימיר וויסאָצקי**

די ווערטיקאַל....95
„אין געלער הייסער אַפֿריקע...“....97

**יוסף בראָדסקי**

בריוו צום רוימישן פֿרײַנד....101

**אַלפֿאָנסאָס בוקאָנטאַס**

„איך וויל פֿאַראייניקן...“....107

**אַנע פֿרײַליך**

ס'איז דאָ....109
צווישן אונדז איז דער אָקעאַן....110

**לעאָניד קיסיליאָוו**

„מײַן נבֿיא איז דער משוגענער אַמעריקאַנער פֿליִער...“....113
„זינגט, מײַן שוועסטער, זינגט“....114

**מאָיסיי פֿישביין**

כּל־נדרי....117

**מיכאל גענדעליעוו**

סעפּטעמבער פֿונעם צוויי און אַכציקסטן יאָר....119

**אַלעקסיי פּאַרשטשיקאָוו**

שוואַרץ חזירל....123
די ראַנגלער....126

# פֿונעם איבערזעצער

איך האָב ליב דיכטונג בכלל. אומאָפּהענגיק פֿון איר שפּראַך און איר נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט. אָבער מיט דער ייִדישער דיכטונג, טאַקע מיט דער דיכטונג, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן און ווערט נאָך אַלץ געשאַפֿן אויף ייִדיש, פֿיל איך אַ באַזונדערע עמאָציאָנעלע פֿאַרבינדונג. ניט נאָר וואָס איך לייען ווערק פֿון דער ייִדישער דיכטונג אָדער שרײַב זיי אַליין. איך דערפֿיל זי ווי אַ מין שליחות. איך טראַכט וועגן איר גורל. וועגן איר גורל אינעם עבֿר, אין דער הווה און אינעם עתיד. אפֿילו וועגן איר גורל אין אַן אַלטערנאַטיווער רעאַלקייט. אַזוי האָט זיך אײַגנטלעך באַוויזן אָט דאָס ביכל. איך האָב געלייענט לידער פֿון דיכטער, וועלכע האָבן געשריבן אויף פֿרעמדע, ניט אונדזערע שפּראַכן, נאָר זיי האָבן געשטאַמט פֿון אַ ייִדיש־שפּראַכיקן ייִחוס און געלעבט אין יענע מקומות, וואָס זײַנען דורותלאַנג געווען דאָס לאַנד פֿון ייִדיש. אייניקע פֿון זיי האָבן אַליין פֿרײַ באַהערשט מיט אונדזער מאַמע־לשון, נאָר זיי האָבן באַשלאָסן צו שאַפֿן זייערע לידער אויף אַנדערע שפּראַכן.

איז האָב איך זיך פֿאָרגעשטעלט, ווי ס'וואָלטן געקאָנט אויסזען זייערע לידער, אויב זיי וואָלטן געמאַכט זייער אויסקלײַב לטובֿת ייִדיש, און ווי

# תּיקון

ס'וואָלט געקאָנט אויסזען אין אַזאַ פֿאַל אונדזער ייִדישע דיכטונג. איך באַצי זיך צו אָט דעם ביכל ווי צו אַ מין ייִדישן תּיקון פֿאַר זייער דיכטונג און אַ מין, זאָל זײַן אויסגעדאַכט, אומקערן „עטרה ליושנה“. דאָרט, וווּ איך האָב געוווּסט די ייִדישע נעמען פֿון די מחברים, געגעבענע זיי בײַם ברית, האָב איך זיי געבראַכט אין קלאַמערן. איך פֿאַרשטיי, אַז „חיים היינע“ קלינגט אפֿשר צו אויסטערליש. אָבער אין אַלטערנאַטיווער רעאַלקייט איז דאָס מעגלעך.

דערבײַ געדענק איך, אַז אייניקע פֿון די דאָזיקע פּאָעטן האָבן, שאַפֿנדיק אויף פֿרעמדע שפּראַכן, געטאָן ניט ווייניק כּדי פּאָפּולאַריזירן אונדזער ייִדישע ליטעראַטור: הענריך סאַפּגיר האָט גלענצנד איבערגעזעצט אין רוסיש לידער פֿון שיקע דריזן, אבֿרהם קאַצנעלסאָן האָט אַרויסגעגעבן אויף אוקראַיִניש זײַן אויטאָרישע אַנטאָלאָגיע פֿון איבערזעצונגען פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער דיכטונג, זמיטראָק ביאַדוליאַ האָט איבערגעזעצט אין ווײַסרוסיש שלום־עליכמס ווערק, לודוויג זאַמענהאָף האָט אָנגעשריבן איינע פֿון די ערשטע גראַמאַטיקעס פֿון דער ייִדישער שפּראַך אא. איז קער איך זיי אום אַ שטיקל חובֿ.

*וועלוול טשערנין*



# הײַנריך הײַנע

(חיים הײַנע;

דיסעלדאָרף; 1797 – פאַריז, 1856;

געשריבן אויף דײַטש)

***

**אַך, די זעלבע אויגן ווידער,**
**וועלכע פֿלעגן ליב מיך גריסן,**
**און די זעלבע ליפּן ווידער,**
**וועלכע פֿלעגן מיך פֿאַרזיסן!**

**אויך די זעלבע שטים איז ווידער,**
**וועלכע גערן כ'האָב געהערט!**
**נאָר ניט זעלבער בין איך ווידער,**
**אַנדערש כ'האָב זיך אומגעקערט.**

**ווײַסע אָרעמס, אויגן שוואַרצע**
**האָבן פֿעסט מיך אײַנגעשלאָסן,**
**ליג איך איצט מיט איר בײַם האַרצן.**
**כ'פֿיל זיך נאַריש און פֿאַרדראָסן.**

## צו אדום

טויזנט יאָר אין אַלע פּרטים
לעבן מיר ווי גוטע ברידער:
דו טוסט לײַדן, אַז איך אָטעם,
איך – ווען דו טוסט העצן ווידער.

צײַטמאָל, נאָר אין טונקלע תּקופֿות
פֿלעגסט באַפּוצן רויט דײַן מוט,
דײַנע טענץ און ליבע־רופֿן
וווּנדער־פּרעכטיק מיט מײַן בלוט!

איצט ווערט אונדזער פֿרײַנדשאַפֿט פֿעסטער,
יעדער טאָג גיט עפּעס צו;
כ׳שטרעב צום אומזין צו דעם העכסטן
און איך ווער כּמעט ווי דו.

# דו האָסט דיאַמאַנטן
# און פּערלען

דו האָסט דיאַמאַנטן און פּערלען,
האָסט אַלץ, וואָס איז מענטשנס באַגער,
און דו האָסט די שענסטע אויגן –
מײַן ליבע, וואָס ווילסטו נאָך מער?

אויף דײַנע שיינע אויגן
האָב איך מיט גליק און מיט טרער
געשריבן אומשטערבלעכע לידער –
מײַן ליבע, וואָס ווילסטו מער?

מיט דײַנע שיינע אויגן
האָסט מיך געפּײַניקט 'זוי שווער,
אַז איך בין צונישט געוואָרן –
מײַן ליבע, וואָס ווילסטו מער?

# די לאָרעליי

איך ווייס ניט, וואָס זאָל עס באַדײַטן,
אַז איך אַזוי טרויעריק בין;
אַ מעשׂה פֿון אוראַלטע צײַטן,
וואָס גייט מיר ניט אויס פֿונעם זין.

די לופֿט איז קיל און עס טונקלט,
און רויִק פֿליסט דער ריין;
דער באַרג־שפּיץ שיט מיט פֿונקען
אין אָוונט־שײַן װוּנדער־שיין.

די שענסטע יונגפֿרוי טוט זיצן
דאָרט אויבן װוּנדערלעך גאָר,
אין איר האַנט טוט אַ קעמעלע בליצן,
וואָס קעמט אירע גאָלדענע האָר.

**זי קעמט מיטן גאָלדענעם קעמל**
**און זינגט דערבײַ אַ ליד,**
**אַ גוואַלדיק־ווּנדערלעך רעמל**
**פֿאַר איר שיינקייט, וואָס בליט.**

**אַ שיפֿער אין אַ קליין שיפֿל**
**דערהערט עס מיט ווילדן וויי;**
**ער זעט ניט קיין פֿעלדזיקע ריפֿן,**
**ער קוקט נאָר אַרויף, אין דער הייך.**

**איך גלייב, אַז די וועלן פֿאַרשלונגען**
**האָבן אים און אומגעבראַכט,**
**ווײַל די לאָרעליי האָט געזונגען**
**איר ליד מיט אַ צויבער־מאַכט.**



# פּיאָטר
# וויינבערג

(ניקאָלײַעוו, 1831 – פּעטערבורג, 1908;

געשריבן אויף רוסיש)

***

ער איז אַ טשינאָווניק אַ טריבער.
איר טאַטע איז אַ גענעראַל.
ער האָט איר גֶעזאָגט וועגן ליבע.
זי האָט אים באַלאַכט מיט אַ גאַל.

אין שענקל איז ער פֿון דער צרה
געזעסן גאָר שפּעט אין דער נאַכט
און שיכּורערהייט האָט געחלומט
פֿון יענער, וואָס האָט אים באַלאַכט.



# לודוויג
# זאַמענהאָף

(לוי־לייזער זאַמענהאָף;

ביאַליסטאָק, 1859 – וואַרשע, 1917;

געשריבן אויף עספּעראַנטאָ)

# רעגן

עס רעגנט, עס רעגנט, עס רעגנט, עס רעגנט
אומענדלעך, אומברעגיק, אומראַנדיק,
פֿונעם הימל צו דר׳ערד, פֿונעם הימל צו דר׳ערד
פֿאַלט מיט טראָפּנס אַ ים נאָכאַנאַנדיק.

דורכן רעגן־געריוש דערטראָגט זיך צום אויער
אַ מין סודותפֿול, דורכזיכטיק פּלאַפּלען.
איך באַמי זיך פֿאַרשטיין די באַהאַלטענע בשׂורה,
וועלכע דרימלט אין מײַנע שוואַרצאַפּלען.

ס׳דאַכט, עס קלינגט אין דעם קול אַ מין בענקעניש שטילע,
עס באַהאַלט זיך אין דעם אַ דערמאָנונג...
און אַ לוסטיקייט טריבע דערוועקט זי אין האַרצן,
און אַ מאָדנע צעמישונג און מאָנונג.

צי די כמאַרעס, וואָס פֿליִען פֿאַרבײַ ווי געוויינלעך,
ברענגען מיוּת פֿאַר מיר? – מאַכט אַ וואַרע!
צי איך טרוים פֿון דער זון, וואָס וועט באַלד זיך באַווײַזן?
זי באַהאַלט זיך נאָך הינטער אַ כמאַרע.

כ׳וויל ניט פֿאָרשן דעם סוד פֿון די וווּנדער־געפֿילן.
כ׳טו נאָר טרוימען און האָבן הנאָה.
איך דערפֿיל עפּעס פֿרישס. אָט די פֿרישקייט באַצויבערט,
כאָטש די הימלען פֿאַרבלײַבן נאָך גרויע.



# פֿראַנץ
# קאַפֿקאַ

(פּראָג, 1883 – קלויסטערנויבורג, 1924;

געשריבן אויף דײַטש)

# א קלײנער משל

„אַך, – האָט געזאָגט די מויז, –
די וועלט ווערט ענגער מיט יעדן טאָג.
צוערשט איז זי געווען אַזוי ברייט,
אַז כ'האָב מורא געהאַט,
איך בין געגאַנגען ווײַטער און גליקלעך געווען,
אַז איך זע סוף־כּל־סוף רעכטס און לינקס
ווענט אין דער ווײַט,
אָבער די דאָזיקע לאַנגע ווענט אײַלן זיך
אַזוי שנעל איינע צו דער אַנדערער,
אַז איך בין שוין אינעם לעצטן צימער,
און דאָרט אין ווינקל שטייט אַ פּאַסטקע,
אין וועלכער איך לויף". –
„דו דאַרפֿסט נאָר ענדערן די ריכטונג פֿונעם לויפֿן, –
האָט געזאָגט די קאַץ
און האָט זי אויפֿגעפֿרעסן.



# זמיטראָק
# ביאַדוליאַ

(שמואל פּלאַווניק;

פּאָסאַדעץ, ווילנער גובערניע, 1886 –

אוראַלסק, קאַזאַכסטאַן, 1941;

געשריבן אויף ווײַסרוסיש)

# יהודה ווערט
# פֿאַרהייראַט

יהודה ווערט אין פֿעלד פֿאַרהייראַט
און זײַן כּלה איז דער טויט.
ס'האָט דער גורל אים געגזרהט
אָט די שפּיל, וואָס דרייט זיך רויט.
טוט פֿאַרכּישופֿט ווילדע שפּרונגען!
כאַפּ זיך בײַ די זײַטן, כוואַט!
היי, באַוועגט זיך, זשוואַווע יונגען,
זײַט אומזיניק, נאָר ניט מאַט!
דרשן, פּלאַפּלער תּמעוואַטע,
סוחרל, וואָס האַלט זיך גרויס,
גראָבע יאַטן, ווילע יאַטן,
שרײַט אַ קללה הויך אַרויס!
אינעם קאַראַהאָד פֿון שדים,

וועלכער הוידלט זיך אין ווינט,
ציט אַרײַן מיט פוסטע ריידן
מחנות פֿרישע בעלי־זינד.
ניט קיין ווײַן, נאָר סם־המוות
גיסט אין כּוסות איבעראַל.
לייד און קרענק און בלוט־נדבֿות
פֿעלן ניט בײַם שׂטן כלל.
מיט אַ צוזיץ טאַנצט אַ פלוני,
טופעט מיט די טלאָען ווילד.
פֿײַפֿט און ליאַרעמט אַן אַלמוני,
וואָיעט, שיפעט, רעוועט, בילט.
עס דײַן חרפּה, מענטש, מטושטש,
היט קיין כּבֿוד, האָב קיין שאַנד.
דער המון, וואָס איז צעיושטשעט ,
ווייסט קיין גרענעץ און קיין ראַנד.
קיין שום מענטשלעכע געזעצן
הערשן ניט אויף אָט דעם פֿעלד.

**וואָס מער פּײַניקן און העצן,**
**וואָס מער מיתות אין דער וועלט!**
**קיין שום מיטלייד אין נשמה,**
**קיין שום מענטשלעכקייט אין האַרץ.**
**ס'הערשט אַ חיה אָן אַ נאָמען.**
**שרײַב מיט רויט צי שרײַב מיט שוואַרץ.**
**איינער ווײַנט גאָר שטיל, אומזיכער.**
**איינער לאַכט גאָר בייז און ווילד**
**און עס הוליעוועט אַ וויכער,**
**וועלכער ווערט ניט אײַנגעשטילט.**
**ס'רוישט אַ ים מיט פֿלאַם און טרערן.**
**ס'רוישט אַ ים מיט בלוט און ביין.**
**און דער כּעס וועט גרעסער ווערן.**
**און דער טאַנץ וועט ווײַטער גיין.**
**יהודה ווערט אין פֿעלד פֿאַרהייראַט**
**און זײַן כּלה איז דער טויט.**
**ס'האָט דער גורל אים געגזרהט**
**אָט די שפּיל, וואָס דרייט זיך רויט.**



# אָסיפּ מאַנדעלשטאַם

(יוסף מאַנדעלשטאַם;

וואַרשע, 1891 – לעבן וולאַדיוואָסטאָק, 1938;

געשריבן אויף רוסיש)

* * *

## אַ. קאַרטאַשאָווו

אַ יונגער לוי מיט כּהנים אויף דער וואַך,
פֿלעג בלײַבן ער ביז דעם קאַיאָר דעם שפּעטן.
די נאַכט די ייִדישע ווי דער צעשטערטער דאַך
פֿון בית־המיקדש האָט פֿאַרפֿינצטערט די געבעטן.

ער האָט געטענהט: היט זיך! ס'איז דער הימל געל!
ס'איז שוואַרץ בײַם פּרת! דעריבער – טוט אַנטלויפֿן!
– ניט אונדזער שולד איז דאָס. דער טאָג איז העל.
און יהודה וועט ניט קנײען בשום־אופֿן.

ער איז מיט אונדז געווען, ווען אויף אַ ריטשקע־ברעג
מיר האָבן אײַנגעוויקלט שטיל אין לײַן דעם שבת,
מיט דער מנורה־שײַן באַלויכט דעם אומוועג־וועג
פֿון שוואַרצע ציון־נעכט צום סקריפּ פֿון אַלטע שקראַבעס.



# איוואַן
# גאָל

(יצחק לאַנג; סען־דיע־דע־וואָזש,

לאָטאַרינגיע, 1891 – פּאַריז, 1950;

געשריבן אויף דײַטש און אויף פֿראַנצויזיש)

## שעהן

וואַסערטרעגערינס

הויכגעשעצטע טעכטער

שפּאַנען שווער איבער דער טויטער גאַס

וויגנדיק אויף די קעפּ

אַ קרוג וואָס איז פֿול מיט צײַט

אַ גערעטעניש פֿון אומפֿרוכטבאַרע טראָפּנס

וועלכע זײַנען שוין רײַף געוואָרן אויפֿן וועג

וואַסערפֿאַלן טײַכן טרערן נעפּל דאַמף

תּמיד געהיימערע טראָפּנס תּמיד קאַרגערע צײַט

שאָטנטרעגערינס

שוין פֿאַרגאַנגען שוין פֿאַרהאַנגען

אייביקייט

# דער געזאַלצענער ים

די לבֿנה לעקט ווי אַ ווינטער־חיה דאָס זאַלץ פֿון דײַנע הענט,
דאָך שוימען דײַנע האָר פֿיאָלעט ווי אַ קוסט פֿון בעז,
אין וועלכן אַ דערפֿאַרן קעצעלע רופֿט.
דאָ שטייט פֿאַר אונדז געבויט די געזוכטע טרוים־שטאָט,
אין וועלכער אַלע גאַסן זײַנען שוואַרץ און ווײַס.
דו גייסט אינעם בלישטשענדיקן שניי פֿון געבאָטן־געבונג,
פֿאַר מיר זײַנען געלייגט די רעלסן פֿונעם טונקעלן זין.
די הײַזער זײַנען מיט קרייד אַקעגן דעם הימל געצייכנט,
און זייערע טירן – אָנגעגאָסן מיט בלײַ;
נאָר אויבן, אונטער פֿראָנטאָנען וואַקסן געלבע ליכט
ווי טשוואָקן צו צאָללאָזע טרונעס.
אָבער באַלד גייען מיר אַרויס צום געזאַלצענעם ים.
דאָ לויערן אויף אונדז די לאַנגשנאָבלדיקע אײַזפֿייגל,
וועלכע איך שלאָג די גאַנצע נאַכט מיט נאַקעטע הענט,
זייער וואַרעמער פוך וועט אונדז דינען אַ געלעגער.

# דער שטויב־בוים

אַ שטויב־בוים וואַקסט
אַ שטויב־וואַלד – איבעראַל וווּ מיר זײַנען געגאַנגען
און די דאָזיקע שטויב־האַנט טוט וויי! ריר זי ניט אָן!

אַרום אונדז הייכן זיך טורעמס פֿון פֿאַרגעסנקייט
טורעמס וואָס פֿאַלן אין זיך אײַן
אָבער נאָך באַשטראַלט פֿון דײַן אָראַנזשעווע ליכט!
אַ שטויב־פֿויגל פֿליט אויף

די סאַגע פֿון אונדזער ליבע לאָז איך אין קוואַרץ צו היטן
דאָס גאָלד פֿון אונדזערע טרוימען איז אין אַ וויסטעניש באַגראָבן
דער שטויב־וואַלד ווערט אַלץ טונקעלער
וויי! ריר די דאָזיקע שטויב־רויז ניט אָן!



# טריסטאַן צאַראַ

(שמואל ראָזענשטאָק;

מוינעשט, רומעניע, 1896 – פּאַריז, 1963;

געשריבן אויף רומעניש און פֿראַנצויזיש)

***

**אַ קרענק אַ פֿינצטערניש ווערט באַפֿאַרבט מיט שוועב־**

**לעך אין אונדזערע אָרגאַניזמען**

**פֿאַרפֿרירן**

**ריר מיך אָן**

**בלויז מיך אַליין**

**אַ ספּיראַלע הייבט זיך אויף צום ראַנד פֿון ווײַסן לאַנד**

**אַ קליין דערפֿעלע אין סיביר.**

***

קוקט זיך צו צו מיר:
איך בין אַ לץ, אַן אידיאָט. איך בין פֿון יענע, וואָס טשאַדען.
קוקט זיך צו צו מיר!
איך בין קליין און מיאוס און מײַן געזיכט
איז ניט אויסדריקפֿול.
איך בין אַזאַ ווי איר אַלע.

# היפּערבאָלע וועגן קראָקאָדילישן שערער און שפּאַציר־שטעקן

סאַנקט־עלמס־פֿײַערן טראַסקען אין בערד פֿון משומדים
פֿון זייערע הויכע שיידן נעמען זיי אַרויס שאַכטיאָרישע לעמפּ
און פליוכען זיך מיטן תּחת אין קאַליוזשעס אַרײַן
ער פֿלעג צעזינגען שפּינדל־קניידלעך אויף אַ דרייפֿנדיקער קריהע
און אַזוי מעלאָדיש צוגעפֿײַפֿט זיי הינטערן ראָג
אַז אַ טשוהונענע גראַטע האָט אין ניאוף אַראָפּגעגליטשט
פֿיר מאָל ספּעציעל אין אַ טורנע איבער סקאַנדינאַוויע
האָט מילעוויטשעס בלויער קאַסטן געהאַט דערפֿאָלג
בײַ האַארעם, וואָס האָט זיך פֿאַרפֿינצטערט עשלעפּט לענגויס אַ קאַנאַל
פֿון דער געבענטשטסטער לאָנקע אַ טשיזשליק
האָט צוגעשטיוולט אַ קאַשע־סלופּ
פֿון אַ פֿאַרשמאַלצטן זאַק אין צינערנע פֿעדערן.



# יעווגעני שוואַרץ

(קאַזאַן, 1896 – לענינגראַד, 1959;

געשריבן אויף רוסיש)

# יום־הדין

**עס גייט באַרג אַרויף**
**אַ פּיציקער פּלישתּי**
**אין סאַנדאַליעס,**
**אין פֿאַרוסינענע הויזעלעך,**
**אין אַ העמדל אָן קעלנערל.**
**איבערן אַקסל הענגט אַ פּידזשאַקל.**
**אין קעשענעס פֿונעם פּידזשאַקל – צײַטונגען**
**און דער זשורנאַל „נאָוואָיע ווריעמיאַ".**
**דאָס ברעקל זשמורעט די אויגן דורך ברילן,**
**קוקט צעשטרייט און גרויסהאַלטעריש**
**אויף באַבעלעך, אויפֿן גראָז,**
**אויף אַ בערעזע, אויף אַנטקעגנגייענדע**
**און ער באַמערקט קיינעם ניט.**
**ער דענקט,**
**באַטאַפּנדיק זײַנע ניט געגאָלטע בעקעלעך.**
**באַהאַנדלט גורלות פֿון פֿעלקער?**
**שאַפֿט אָן אייגנהײַטלעכע פֿעלד־טעאָריע?**
**דערמאָנט אַ גראַפֿיק פֿון באַנען?**
**אַלצײַנס – זײַן צעשטרייטער**
**גרויסהאַלטערישער קוק**
**מיט די ניט־געגאָלטע בעקעלעך,**
**מיט די דערוואַקסלינגס־הויזעלעך**
**שאַפֿן אין די אַנטקעגנגייענדיקע**

אַ טיפּן צאָרן.
און דערנעבן – זײַן ווײַב,
מיט קײַשע אויגן, מיט נעגערישע
האָר געשטעלטע קאַפּויר.
זי שרײַט אומבאַשיידן:
אַניע! סאַניע!
בײַ אַלע פֿעלקערשאַפֿטן
פֿאַרהאַלטן זיך קינדער אונטערוועגנס
פֿונעם ים צו דער דאַטשע:
בײַ פֿינער, בײַ עסטן,
בײַ לעטן, בײַ אויראַטן,
אָבער קיינער שרײַט ניט
אַזוי חוצפּהדיק:
אַניע! סאַניע!
סאַניע מיט אַ לאַנג העלדזל,
אַ קוטשעריאַווער, אַ דינינקער, האָט
אָנגעשטעלט זײַנע אויגן די טרויעריקע
אויף אַ זשוק מיט בראַנזעווע פֿליגעלעך.
אַניע, אַן אונטערגעשוירענע,
אַ קוואַדראַטע,
ווי אַן אַקושערקע,
האָט פֿאַר דעם זשוק פֿאַרמאַכט דעם וועג
מיט אַ בלעטל,
כּדי ניט לאָזן אויפֿן שאָסיי דעם ניט פֿאַרזיכטיקן.
– אַניע! סאַניע! גיכער. איר דאַרפֿט שוין

טרינקען קעפּיר. –
עס גייט באַרג אַראָפּ
קלאַוודיע גאַווריליאָווגע,
לויטן טאַטן פּעטראָווע,
לויטן מאַן סידאָראָווע,
אַ מאַמע פֿון פֿינף קינדער,
אַן אלמנה פֿון דרײַ מענער,
וועלכע אַרבעט ווי אַ מאַליאַרקע
אין אַ בוירעמאָנטקאָנטאָר.
אַ קאַסירער האָט טעלעפֿאָנירט פֿונעם באַנק,
אַז דאָס געהאַלט וועט מען הײַנט ניט ברענגען.
און אָט איז ברויט ניט געקויפֿט.
אָדער, ווי אַ געפֿאַנגענער, ניט אויסגעקויפֿט.
אַזוי זאָגט קלאַוודיע גאַווריליאָווגע:
ברויט איז ניט אויסגעקויפֿט,
פֿלייש איז ניט אויסגעקויפֿט,
פֿעטס איז ניט אויסגעקויפֿט
בלויז קאַרטאָפֿל איז יאָ אויסגעקויפֿט,
ניט יונגער, נאָר אַלטער,
דורכגעשפּראָצטער, פֿאַראַיאָריקער.
פֿינף קילאָ אוראַלטן קאַרטאָפֿל
קוקן דורך אייגלעך פֿון איר קוישל.
באַגעגנט די פּלישתּים,
איז קלאַוודיע גאַווריליאָווגע
אומגליקלעך געוואָרן.

אַ חושך איז באַפֿאַלן איר נשמה.
האָט זי אַ קוק געטאָן אויף זיי,
אויף די בני־אלים, די מענטשנס שטיפֿקינדער.
און קיין ליבע איז ניט געווען אין איר בליק.
און ווען זי איז פֿאַרבײַגעגאַנגען
סאַניען און אַניען,
האָט דאָס דאַרינקע ייִנגל דערהערט אַ שטילע זידלערײַ
און ניט געגלייבט זײַנע אויערן.
סאַניע האָט געגלייבט באמונה־שלימה: אַזוי
זידלען זיך ניט קיין פֿרויען.
און בלויז אינעם יום־הדין,
שטייענדיק, אַלס מיטצײַטלער,
איינער לעבן דער אַנדערער,
האָבן זיי זיך באַקענט און זיך באַפֿרײַנדעט.
דער גן־עדן האָט זיך געהייכט אויף רעכטס,
און קלאַווידיע גאַוורילאָוונע
האָט זיך געשוואָרן,
אַז עמעצער איז שוין אַהין אַרײַנגעפֿאָרן:
רויכלעך האָבן זיך געקרײַזלט איבער גן־עדן־סעדער.
דער גיהנום האָט ברייט זיך צעעפֿנט פֿון ליקנס,
מיט שטעכיקע דראָטן
אַרום ראָסטיקע גרינסגאָרטנס,
מיט בודקעס, וווּ אויף די ווענט
האָבן ווײַס געשימערט שאַרבנס און ביינער,
און ווערטער „ניט טאַפּן, טויטלעך־מסוכּן!”

**מיט קאַליוזשעס,**
**מיט ווענט און דעכער,**
**מיט פֿענצטער־ראַמען און שויבן,**
**מיט אויטאָמאָבילן און רעדער,**
**מיט גאַסן־זייגערס און ווײַזערס,**
**ווײַל קיין צײַט איז ניט געווען.**
**גלײַך ווי אַ ווינט אין גראָז**
**האָט זיך אין דער ריי דורכגעטראָגן אַ שמועה:**
**„אין גן־עדן לאָזט מען אַרײַן נאָר קינדער".**
**„ווײנט ניט, קלאַוודיע גאַווריליאָוונע, –**
**האָט געזאָגט דער פּיציקער פּלישתּי,**
**שמייכלענדיק, –**
**זיי וועלן אונדז שיקן פֿון דאָרטן פּעקלעך".**
**גלײַך ווי אַ וויכער איבערן אָקעאַן**
**איז דורכגעפֿלויגן איבער דער ריי אַ שמועה:**
**„דער גיהנום איז נאָר פֿאַר פֿאַראַנטוואָרטלעכע".**
**„פֿריידט זיך ניט, קלאַוודיע גאַווריליאָווגע, –**
**האָט געזאָגט דער פּיציקער פּלישתּי,**
**שמייכלענדיק, –**
**ווער ווייסט? אפֿשר אויך מיר**
**זײַנען פֿאַר עפּעס פֿאַראַנטוואָרטלעך?"**
**„ניין, איר זײַט פּשוט אַ גיבור, סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש, –**
**האָט אויסגעשריגן קלאַוודיע גאַווריליאָווגע, –**
**איר שפּאַסט אינעם יום־הדין!"**

1947 – 1946



# דוד
# קנוט

(דוד פֿיקסמאַן;

אָרגייעוו, בעסאַראַביע, 1900 – תּל־אָבֿיבֿ, 1955;

געשריבן אויף רוסיש)

## כ׳בין דוד־אַרי בן מאיר

כ׳בין
דוד־אַרי בן־מאיר,
דער זון פֿון מאירן, וואָס שײַנט אין חושך.
כ׳בין אַ געבוירענער צופּוסנס פֿון איוועליס,
אין רײַכן קאַנט פֿון קנאַפּער מאַמעליגע,
פֿון שאָפּ־ברינזעס און פֿון שאַרפֿע קאַשקאַוואַלן,
אין וועלדערקאַנט פֿון חמור־אייזלישע בוהײַען,
ווו צווישן סטעפּן און אַ געלער קוקורוזע
נאָך נע־ונדען שײַטערס רויכיקע ביז איצט
אויפֿן ציגײַנער־וועג.
כ׳בין דוד־אַרי בן־מאיר,
וואָס שאָולן געזונגען האָט אין יוגנט,
דעם שילד
געגעבן דעם זעקסעקיקן די זין
פֿון זײַן בונטאַריש פֿאָלק;

**כ'בין**

**דוד־אַרי בן־מאיר**

**וואָס האָט**

**גליתן אומגעבראַכט פֿון קלע,**

**און בערג האָט ציטערן געצווּוגען.**

**איך קום בײַ אײַך זיך לערנען לידער,**

**נאָר כ'וועל אין גיכן זינגען אײַך מײַן ליד**

**געדענק איך אַלץ:**

**די כּנעניִשע מדבריות,**

**סײַ זאַמד סײַ טייטלען פֿון צעגליטער פּאַלעסטינע,**

**דעם גאָרגלדיקן קרעכץ פֿון קאַראַוואַנען,**

**און צעדערביימער און די אַלטע ווענט**

**פֿון עיר־הקודש סקוטשנע ירושָלם.**

**און אויך דעם גרויל:**

**אַראָפּפֿאַל און געקנאַקערײַ און דונערן פֿון סיני,**

**ווען ס'האָט אין פֿײַער זיך צעפּראַלט דער הימל**

**און אין טשוהון פֿון שווערער כמאַרעס־לאַסט**

# תיקון

באַוויזן האָט זיך שטײַף און האָט געקוקט
אויף מורעשקעס, וואָס פויזען אויפֿן זאַמד
דאָס אויג דאָס שטרענגע פֿונעם אַלוועלטס־האַר.
געדענק איך אַלץ: דעם בבֿל־טײַכן־טרויער,
דעם פֿורן־סקריפּ און די כּינורות־קוויטשע,
דעם רויך, דעם אָוויר פֿונעם טאַטנס באַקאַלייקע, –
– אײַוואַ, כאַלוואַ און קנאָבל און פּאַפּשוי,
ווו כ'האָב פֿון מאָלדאַוואַנער הענט געהיט
די בייגלעך די פֿאַרשימלטע און פֿיש.
איך,
דוד־אַרי בן־מאיר
דער ווײַן, וואָס האָט געברײַעט טויזנט יאָר,
איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף וועגן־זאַמד,
כּדי אײַך זאָגן, ברידער, הויך אַ וואָרט
ווען דער לאַסט פֿון ליבע און פֿון טרויער –
געבענטשטע לאַסט פֿון די שנין אַלפֿין מײַנע.

# די קעשענעווער לוויה

כ'געדענק דעם סומנעם קעשענעווער אָוונט:
פֿאַרבײַגעגאַנגען זײַנען מיר דאַן אינזאָווס בערגל,
ווו פושקין האָט געוווינט אַמאָל. אַ נישטיק בערגל,
ווו ס'האָט געוווינט דער קליינער קוטשעריאַווער
באַאַמטער, דער באַרימטער דבֿר־אַחר
מיט נעגערישע ברענענדיקע אויגן
אויף לעבעדיק, נאָר גאָר ניט שיין געזיכט.
אויף שטויביק־כמאַרנער, טויטער אַזיאַטסקע,
לענגויס די ווענט פֿונעם געבורטס־פּריוט,
האָט מען געטראָגן אויף אַ מיטה דאָרט אַ ניפֿטר.
אונטער אַ גאָר ניט פֿרישן טרויער־טלית
האָט מען געזען די ביינערדיקע ליניעס
פֿון דעם באַהריזשעטן דורך לעבן מענטשן.
ער איז געווען אַרומגעהריזשעט ביז קיין ביסן
איז ניט געבליבן פֿאַר די דאַרע ווערעם
פֿון נעבעכדיקן ייִדישן בית־עלמין.
הינטער די זקנים מיט דער ניפֿטר־מיטה
געגאַן אַ קופּקע איז פֿון מאַנע־כ"צעס ייִדן,
גרייגעלע און גרויס־אויגיקע.

פֿון זייערע פֿאַרשימלטע כאַלאַטן
האָט זיך געשפרייט אַ ריח פֿון דער קדושה
און פֿונעם גורל און פֿון דלות און פֿון שווייס,
פֿון הערינג און פֿון מאָלן און פֿון ציבל,
פֿון ספֿרים, וויקלעך נאַסע און פֿון שול.
דער גרויסער טרויער האָט געפֿרייט די הערצער -
געגאַנגען זײַנען זיי מיט טריטלעך שטילע,
גלײַך ווי געגאַנגען זײַנען זיי שוין יאָרן,
גלײַך ווי קיין אָנהייב ניט געווען בײַ דער לוויה
און אויך קיין סוף וועט קיינמאָל שוין ניט זײַן...
אַ גאַנג פֿון קעשענעווער שטרענגע זיקני־ציון.
נאָך זיי - הינטער דער שוואַרצער טרויער־לאַסט
געגאַנגען איז אַ פֿרוי, אין שטויביק ביןהשמשות
איז ניט צו זען פֿאַר אונדז געווען איר פנים.
נאָר פרעכטיק איז געווען דאָס הויכע קול!
אונטער דעם קלאַפ פֿון טריט, אונטער דעם שוואַכן שאָרך
פֿון בלעטער אָפגעפֿאַלענע, פֿון מיסט, אונטער דעם הוסט דעם שטילן
האָט זיך געשטראָמט אַ ליד אַ ניט געהערטס.
מיט טרערן פֿון אַ פֿרידנקייט אַ זיסער,
איבערגעגעבנקייט דעם אייביקן גאָטס ווילן,
אַנציקונג פֿון הכנעה און פֿון פחד.

ווי פרעכטיק איז געווען דאָס הויכע קול!
ניט וועגן יענעם דאַרן ייִדן, וואָס איז זיך אויף דער מיטה
אונטערגעשפּרונגען, וועגן מיר געזונגען
האָט עס, וועגן אונדז אַלע, וועגן הבֿל, וועגן שטויב,
וועגן דער זיקנה, וועגן טרויער, וועגן פּחד,
וועגן רחמנות, וועגן ריינעם אומפֿאַרשטאַנד
אין אייגעלעך פֿון שטאַרבנדיקע קינדער...
די ייִדענע געגאַנגען איז גאַנץ פֿעסט
און יעדעס מאָל, ווען ס'האָט אַ שטיין אַ האַרטער
אונטערגעוואָרפֿן האַסטיק אויף דער מיטה
דעם טויטן, פֿלעגט זי גלײַך מיט אַ געשריי
זיך וואַרפֿן צו דעם ניפֿטר ,און דאָס קול
פֿלעגט זיך פֿאַרפֿעסטיקן און קלינגען ווי מעטאַל
און פֿריילעך־פֿײַערלעך באַשולדיקן דעם האַר.
די פֿרוי פֿלעגט דראָען, קלאָגנדיק, מיט פֿויסטן
דעם, וועמ עס איז געשוווּמען אינעם הימל
דעם גרינלעכן איבער דעם מת און ביימער,
איבערן דאַך פֿונעם געבורטס־פּריזוט,
איבער דער ערד דער סענקעוואַטע־האַרטער.
און פּלוצעם פֿלעגט די פֿרוי זיך ווידער שרעקן,
זיך שלאָגן אין דער ברוסט על־חטא און שטוינען,

**און לויבן גאָט צעצויגן און דערשראָקן,**
**ער האָט געגעבן און ער האָט גענומען.**
**זי האָט געשריגן און געבעטן מוחל זײַן,**
**זי האָט געשריגן וועגן גלויבן און הכנעה**
**און זיך דערבײַ געטוליעט יאַקאָס צו דער ערד**
**אונטער דער משׂא פֿונעם שטרענגן קוק**
**פֿון יענע אויגן, וועלכע קוקן פֿונעם הימל.**

---

**וואָס איז געווען? אַן אָוונט, שטילקייט, שטערן**
**און פּלויט און שטויב... און מײַנע לידער אין "קוריער",**
**די תּמימותדיקע גימנאַזיסטקע אָליע.**
**די ביז גאָר פּראָסטע ייִדישע לוויה**
**און אויך די פּרוי פֿון ספֿר בראשית.**
**נאָר קיינמאָל וועל איך ניט פֿאַרקערפּערן אין ווערטער,**
**יענץ, וואָס געשוועבט האָט איבער אַזױאַטסקע,**
**איבער לאַמטערנס פֿון די ראַנד־קוואַרטאַלן,**
**איבער די הויפֿן מיט פֿאַרטײַעטן געלעכטער,**
**איבער אַ ווײַטער עמעצנס גיטאַרע**
**איבער געבילן פֿון רישקאַנער הינט.**
**...אַ לופֿט אַ ייִדיש־רוסישע אַ מאָדנע**
**אַשרי דער, וואָס געאָטעמט האָט מיט איר.**



# מיכאַיל סוועטלאָוו

(מיכאל שיינקמאַן;

קאַטערינאָסלאַוו, 1903 – מאָסקווע, 1964;

געשריבן אויף רוסיש)

# גרענאַדע

מיר פֿלעגן סײַ רײַטן, סײַ לויפֿן, סײַ גיין
און „יאַבלאָטשקאָ" זינגען באַשטענדיק דורך ציין,
עס האָבן דאָס לידל ביז איצט אָפּגעהיט
די גראָזן די יונגע, דער סטעפּ־מאַלאַכיט.

אַ לידל אַן אַנדערש פֿון זוניקער ווײַט
געבראַכט האָט אין זאָטל דאַן מײַנער אַ פֿרײַנד,
און ער האָט געזונגען אין סטעפּן אַרײַן:
„גרענאַדע, גרענאַדע, גרענאַדע דו מײַן".

ער האָט אָט דאָס לידל געהאַלטן אין ציין.
פֿונוואַנען בײַם כלאָפּעץ – אַ שפּאַניש געוויין?
דערצייל, אַלעקסאַנדראָווסק, און כאַרקאָוו, זאָג מיר:
פֿון ווען זינגען שפּאַניש באַשלאָסן האָט איר?

און זאָג מיר, אוקרײַנע, צי ניט אין דעם ווייץ
שעווטשענקאָס פּאַפּאַכע ליגט אפֿשר? גיי ווייס.
פֿונוואַנען דאָך, פֿרײַנד מײַנער, ס'לידל קען זײַן
„גרענאַדע, גרענאַדע, גרענאַדע דו מײַן".

עס זאָגט ניט געאײַלט דער פֿאַרטרוימטער כאָכאָל:
„איך האָב עס דערזען אין אַ ביכל אַמאָל.
דער נאָמען דער שײנער ביז דאָ איז דערגאַן.
ס'אַ קאַנט אַ גרענאַדער אין שפּאַניע פֿאַראַן.

געלאָזט כ'האָב מײַן כאַטע, געלאָזט זיך אין שלאַכט
צו געבן דעם פֿאָלק אין גרענאַדע די מאַכט.
סײַ קרובֿים, סײַ שכנים, געזונט זאָלט איר זײַן!
גרענאַדע, גרענאַדע, גרענאַדע דו מײַן".

מיר זײַנען געריטן און האָבן שטודירט
דעם דיקדוק פֿון שלאַכט, דורך חלומות גערירט.
דער אויפֿגאַנג, די שקיעה. אַרויף און אַראָפּ.
די פֿערד ווערן מיד פֿונעם ווילדן גאַלאָפּ.

די מחנה האָט „יאַבלאָטשקאָ" ס'לידל געשפּילט
אויף פֿידלען פֿון צײַטן סײַ בײז און סײַ מילד.
ווו, פֿרײַנד, איז דײַן לידל, וואָס איז אַזוי פֿײַן,
„גרענאַדע, גרענאַדע, גרענאַדע דו מײַן"?

# תיקון

דער קערפּער איז לאַנגזאַם אַראָפּ פֿונעם פֿערד.
מײַן פֿרײַנד ליגט געשאָסן אויף בלוטיקער ערד.
עס האָט די לבֿנה געמאָלדן: „שמע־נאַ",
און ליפּן אין גסיסה געשעפּטשעט: „גרענאַ..."

קיין צײַט ניט געווען איז פֿאַר קלאָג און געוויין
און „יאַבלאָטשקאָ" האָט מען געזונגען דורך ציין.
בלויז שפּעטער אַראָפּ איז פֿון הימל־בלוי שווער
אויף סאַמעט פֿון שקיעה פֿון רעגן אַ טרער.

יאָ, ווײַט אינעם הימל אַוועק איז מײַן פֿרײַנד.
און ווו איז זײַן לידל פֿאַרפֿאַלן שוין הײַנט?
ווײַל קיינער דאָך זינגט ניט אין סטעפּן אַרײַן:
„גרענאַדע, גרענאַדע, גרענאַדע דו מײַן".

דאָס לעבן האָט לידער שוין נײַע פֿאַרפֿאַסט.
די לידער די אַלטע ס'איז פּשוט אַ לאַסט.
איז בענקט נאָך דעם ליד ניט. עס קען מער ניט זײַן.
גרענאַגע, גרענאַדע, גרענאַדע דו מײַן...



# לעאָניד פערוואָמײַסקי

(איליאַ גורעוויטש; קאָנסטאַנטינאָגראַד,

פּאָלטאַווער גובערניע, 1908 – קיִעוו, 1973;

געשריבן אויף אוקראַיִניש)

## אין באַבי יאַר

שטעל זיך לעבן מיר, זון מײַנער.
כ'וועל פֿאַרמאַכן מיט מײַן דלאָניע דײַנע אויגן,
דו זאָלסט ניט דערזען דײַן אומקום,
נאָר מײַן בלוט אויף דער זון אין מײַנע פֿינגער,
יענץ בלוט, וואָס איז אויך דײַן בלוט געוואָרן
און איצט דאַרף עס אויף דער ערד זיך אויסגיסן...

# אַש

דער גרויער ליים ווערט נעלם אונטער שטיינער,
פֿאַרברענטע שטענגלעך און אַ בלום אַ קליינער,
און שטיל פֿאַרוואַקסן ווונדן פֿון דער ערד.
און מיט אַ שליאַך דער יאַר ווערט דורכגעריסן,
פֿאַרוואָס זשע וויל דאָס אַש פֿון רו ניט וויסן,
פֿאַרוואָס זשע וועקט ער טרויער אויף פֿאַרטערט?

צי ניט גענוג איז אין דער וועלט דער טרויער?
וואָס בעט עס מיט זײַן שווײַגן אומגעהויער
בײַ די געבײַדעס און לאַמטערנס שטום?
צי דען ניט פשוטער געווען איז דאָך פֿאַרגעסן
פֿון בלוט און פֿײַער, וואָס האָט לעבנס אויפֿגעפֿרעסן?
שוין לאַנג די שׂרפֿה טוט ניט פֿלאַקערן אַרום.

נאָר ס'טוט דאָס אַש, דאָס אַש אין ברוסט נאָך קלאַפּן,
אַ גראָווס, אַ הייס. סע ברענט די הויט בײַם טאַפּן.
עס האָט ניט קיין פֿאַרגעסנקייט, קיין שלאָף.
עס לייגט זיך סײַ אויף בלעטער סײַ אויף גראָזן,
ווי אַ פֿאַרויסזאָגונג פֿון אַ ירגזון.
צי דען הערסט ניט, וואָס ס'זאָגט זײַן שוידער גראָוו?

אויפֿן געוויסן ליגן שיכטן גלאַטע.
און מיר, וואָס לעבן אין דער וועלט לעת־עתּה,
מיר טרייסלען אָפּ פֿון שיך דאָס אַש, דעם שטויב.
צי ניט דערפֿאַר, וואָס ס'איז ניט אָפּצושטעלן
אַ נײַעם חורבן אין אַ טאָג אַ העלן,
באַהאַנדלען מיר זיך גלײַך ווי בלינד און טויב?



# סאַווע האָלאָוואַניווסקי

(יעליזאַוועטגראַדקע,

כערסאָנער גובערניע, 1910 – קיִעוו, 1989;

געשריבן אויף אוקראַיִניש)

# ווידוי

צי ווייסט איר, ווי ביטער איז,
ווען טוסט אַ קוק אויף דײַן וועג פֿון דער ווײַטן
און ס'ווערט קלאָר, אַז קענסט ניט געפֿינען קיין מאָס,
כּדי מעסטן און וועגן מעשׂים,

ווען דאָס דערוואָרבענע און דאָס פֿאַרלאָרענע
לאַנגזאַם באַדעקט אַ טונקל הײַטל פֿון פֿאַרגעסנקייט,
און זיי קלינגען שוין העט אויף האָריזאָנט
און לאָזן זיך ניט דערקענען מיט אַ טאָלק?

און דו פֿרעגסט זיך אַליין: איז עס אַ מעשׂה־שהיה
באמת טאַקע, יענץ, וואָס איז געשען?
אָדער דאָס שפּילט דײַן דימיון מיט העזה,
אָדער דײַן זכּרון האָט עפּעס ניט דערטראָגן?

און ווער ביסטו? און וואָס ביסטו? און פֿונוואַנען
האָסטו זיך גענומען און צו וואָס ביסטו געקומען?
און ווער זײַנען זיי, יענע אָנפּניותדיקע עדות,
וועלכע וועלן דיך פֿאַרטיידיקן ניט אָן אַ יסוד?

זאָל זײַן, ביסט ניט געווען באַרימט און מעכטיק –
ניט קיין ריז, נאָר אַ שאָטן אָדער אַ הינטערפֿאָן –
כּדי אין אַ דירעקטער אָפּהענגיקייט פֿונעם עתיד
זאָלן זײַן דײַן עבר און דײַן הווה.

1967

# אַן אָרט אונטער דער זון

אַמאָל,
אַן אָנגעטונקענער אין מײַנע שטרעבונגען,
פֿאַרשטייענדיק
מײַן אייגענע חשיבֿות,

האָב איך ניט געקאָנט אײַנשטימען מיט וווּנטשן
מײַנע באַגרענעצטע יכולתן.

און דערפֿאַר
אינעם לעבנס־רויש
פֿלעג ניט זעלטן מיך וואַרפֿן אין אַ צרה אַרײַן,

**ווען עס פֿלעגן ניט מקוים ווערן מײַנע כּוונות**
**און ניט פֿאַרווירקלעכט ווערן דאָס פאַרטראַכטע.**

**און כ'האָב זיך איבערצײַגט אויף דער פראַקטיק,**
**זיך אָנגענומען שׂכל און דערפֿאַרונג,**
**אַז עמעץ איז**
**אויף זיך פֿאַרשפרייטן איבער דער גאַלאַקטיק**
**און עמעץ –**
**אויף צו זייען אויפֿן קאַיאָר;**

**אַז אַלץ איז אין דער נאַטור אויסגערעכנט**
**און אויסבאַלאַנסירט פעדאַנטיש,**

**כאָטש ניט אַלעמאָל איז אונדז געגעבן**
**יענץ, וואָס איז ווינטשנסווערט.**

**איך װעל זיך מעסטן מיטן גורל**
**און זיך אַמפּערן מיט דער נאַטור,**
**און בלויז יענץ,**
**װאָס איך װעל דערגרייכן אַליין,**
**װעט מיר זײַן אַ באַלוינונג.**

**װײַל ס'קען זײַן, אַז מיר װעלן דעם גורל באַצויבערן**
**און ניט דערלאָזן קיין בייז אויג צו אונדזער רום,**
**אויב מיר װעלן טאָן אַזוי, װי מיר קאָנען,**
**װען מיר קאָנען ניט אַזוי, װי מיר װילן.**

**1969**



# יולי (יודל) טאַובין

(אָסטראָגאָזשסק, וואָראָניעזשער

גובערניע, 1911 – מינסק, די טורמע פֿון נ.ק.וו.ד., 1937;

געשריבן אויף ווײַסרוסיש און אויף רוסיש)

***

אין דר'אויסן איז אַ מולד און אַ קעלט
און אַ פֿורמאַנקע קלאַפּט מיט רעדער איבער שטיינער.
אַ בריוונטרעגער אַ פֿאַרשנייטער זיך געשטעלט
האָט ביַי אַ גאַנעק אין אַן איינזאַמקייט אַ שיינער.

איך שטיי ביַים פֿענצטער און באַזיניק אָט די וועלט.
ס'בעט אויס מיַין שויבגלאָז אַן אוזאָר אַ ריינער...
אין דר'אויסן איז אַ מולד און אַ קעלט
און אַ פֿורמאַנקע קלאַפּט מיט רעדער איבער שטיינער.

אַמטשיסלאַוו, 1929

***

פאַנאָראַמען פֿון בלאָטעס אין וואַלד,
און פּייזאַזשן פֿון מאָכיקן טאָל...
אַרבע־כּנפֿות־האָרץ איך האַלט
אין מײַן האַנט אין מײַן קאַנט מיט איין מאָל.

זאָלסט געזונט זײַן!...
האָב ליב אָט דעם שאַץ
אין די אָרעמס פון יולישע נעכט...
הערסט, ווי ס'קלאַפּט אומבאַרויִקט דאָס האַרץ,
זעסט פֿון פֿלאַמיקע אויגן דאָס לעכט...

# תּיקון

כ'בין געקומען פֿון הײַזער פֿון שטיין
איבער סטעזשקעס פֿון גרויען אַספֿאַלט.
כ'בין פֿאַרליבט אין דײַן צניעות און חן.
כ'זינג מײַן אײַזערנע ליד אין דײַן וואַלד.

כ'בין געקומען דערזען דײַן געשטאַלט
און באַטאָנען, אַז איך בין דער זון
פֿון דעם קאַנט פֿון די בלאָטעס אין וואַלד,
פֿון דעם טאָל, פֿון דעם מאָך, פֿון דער זון.

יולי 1929, סאַמאָטעוויטשי



# אַבראַם (אַבֿרהם) קאַצנעלסאָן

(האָראָדניע,

טשערניגאָווער גובערניע, 1914 –

לאָס־אַנדזשעלעס, 2003;

געשריבן אויף אוקראַיִניש און אויף רוסיש)

***

איך ווייס, אַז גאָר ניט שולדיק זײַט איר דאָך,
וואָס איר האָט אײַנגערעכנט פֿאַר אַ חטא
יענץ, וואָס איך שלעפּ ביז איצט דעם מאָדנעם יאָך,
מײַן נאָמען ייִדישן נאָך דער מלחמה העט.
איר האָט געזאָגט דאָך, אַז איר ווינטשט נאָר גוטס...
כ'האָב זיך דערמאָנט דאַן, ווי עס האָבן באַטאַרייען
געהאַט געמאָלדן וועגן אָנגריף נאָכן שוץ.
געגאַנגען זײַנען מיר צום דניעפּער הען
און אַזוי סומנע איז געווען צו זען
הרוגים ייִדישע דורכויס אין לאַנגע רייען
און שטאַבעלן דורכויס אין לענג און ברייט
אין קוים פֿאַרמאַכטע גריבער אָן אַ נאָמען
סײַ קליין, סײַ אַלט צוזאַמען, קינד און קייט.
געוועזן צווישן זיי געוויס אבֿרהמען.
זײַן אייניקל האַלט פֿעסט אַ גראָווער ייִד,

און ליגט ער טויטערהייט מיט אים איניינעם.
כ׳האָב ניט געהערט דאָס וואָרט נאָך „גענאָציד“,
נאָר כ׳האָב דערפֿילט צום ערשטן מאָל זײַן אימה.
כ׳וועל ניט פֿאַראַטן זיי און זיך. איך שווער!
די עצות־געבער זאָלן גיין צום קאַדיק!
און כ׳זאָל פֿאַרשוועכן עמעצנס געהער,
אבֿרהם וועל איך זיך רופֿן, ניט אַרקאַדי.

1949

***

מײַן קלײנער זון האָט מיך געפֿרעגט גאָר ניט געהיט:
און וואָס איז דאָס אַזוינס: „קאָסמאָפּאָליט“?
אַך, זונעניו, ס'וואָלט פֿרעגן ניט פֿאַרשאַטן
אַ פֿראַגע, וואָס איז גרינגער פֿאַר דעם טאַטן!
איך האָב געטראָגן אָט דעם נאָמען, וואָס מאַכט דול.
איך שמייכל, און די אויגן זײַנען פֿאָרט מיט טרערן פֿול...



# אהרן
# קאָפּשטיין

(אָטשאַקאָוו,

כערסאָנער גובערניע, 1915 –

לעבן סואָיאַרווע, פֿינלאַנד, 1940;

געשריבן אויף אוקראַיִניש און אויף רוסיש)

# אַ נאַכט אויף דער סטאַנציע ביראָבידזשאַן

עס גיסט זיך דאָ צונויף מײַן ווילן
מיט מײַן פֿאַרפּליכטונג גרינג בשעת
פֿיר קוילן אין מײַן ביקס זיך הילן
און נאָך עלף קוילן – אַ זאַפּאַס.

כ'בין אויף דער וואַך בײַנאַכט געשטאַנען.
די סטאַנציע – ביראָבידזשאַן.
עס איז געהאַנגען אַ טומאַן.
געדרימלט האָבן לאַנגע באַנען.

כ'האָב ניט געהערט, נאָר כ'האָב דערפֿילט
אַ פֿײַף און אַ געשפּרעך־האַרמידער,
דאָס גראָז, וואָס בליט שוין אָפּעט מילד
און וועט אין גיכן בליִען ווידער.

ס'איז גאָר ניט פּשוט אײַנצוּוויגן,
די ניט־דערבויטע יונגע שטאָט.
עס זײַנען ליניעס געשטיגן
פֿאַרבלאָזיק אין אַ חשבון־ראָד.

דער וועג איז קלאָפּאָטיק געלאָפֿן
העט פֿון דער סטאַנציע גאָר גיך,
גלײַך ווי אַ פֿרוי, וואָס גייט פֿאַרשלאָפֿן
צו פּאָרען זיך בײַ זיך אין קיך.

דער וועג געפֿירט האָט צו קאָרדאָנען
אויף סאַמע גרענעץ בײַ דעם טײַך,
דאָרט, ווו טאָרפּעדנטרעגערס קאָנען
זיך וואַרפֿן אויפֿן שׂונא גלײַך.

דער ווינט געשפּילט האָט מיט פּלאַקאָטן.
ס'האָט יולי וועסנעדיק געבליט
אין אותיות יידישע קוואַדראַטע
– געליבטע נעמען ווי אַ ליד.

עס גיסט זיך איצט צונויף מײַן ווילן
מיט מײַן פֿאַרפֿליכטונג גרינג, ווײַל הי
מיט אַלע חושים און געפֿילן
האָב איך געהיט אַ הויכע מי.

# קאַוועגעס

ס׳איז פֿריילעך די ערד אין איר הולך דעם ווילן.
עס שווימען באַרזשעס פֿאַרבײַ ווי אַ צוג.
זיי טראָגן אַ שפּע פֿון קאַוועגעס־קוילן
אַזש פֿון קאַכאָווקע ביז קרעמענטשוג.

עס פֿלאַטערט אַ היך־רעגנבויגן אין פאַרע.
עס הוידעט זיך רײַף אינעם הימל די זון.
זיי שווימען. איז מאַכט, האָריזאָנטן, אַ וואַרע
אַ שווים אויפֿן דנעפער ביז ווײַטן צו טון.

פֿאַר פֿרײַנדשאַפֿט, פֿאַר זומער, פֿאַר חלום, פֿאַר לידער
איז טאַקע בפֿירוש קיין זאַך ניט קיין שאָד.
עס שווימען פֿאַרבײַ מײַנע לאַנדסלײַט און ברידער
מיט קאַוועגעס־לאַסט פֿון אַ שטאָט צו אַ שטאָט.



# פּאַוועל קאָגאַן

(קיִעוו , 1918 – לעבן נאָוואָראָסיִיסק, 1942;

געשריבן אויף רוסיש)

# בריגאַנטינע

ס'איז דערעסן ריידן און פֿאַרטרויען
און ליב האָבן אויגן אָן אַ גוף.
אינעם פֿליבוסטיערדים דעם בלויען
ציט אַ בריגאַנטינע זעגלען שוין אַרויף.

ס'האָט דער קאַפּיטאַן, ווי פֿעלדזן האַרטער,
זיך געלאָזט בײַנאַכט אין וועג אַרײַן.
אויפֿן אויפֿגאַנג וועלן מיר ניט וואַרטן.
הייב זשע אויף די בעכערס פֿול מיט טערפּקע ווײַן!

איז לחיים פֿאַרן ברען און צאָרן,
פֿאַר דער היימישקייט, וואָס מאַכט אונדז מיד.
האָבן מיר דער שוואַרצער פֿאָן געשוואָרן.
איבער כוואַליעס הערט זיך הילכיק אונדזער ליד.

זיך געזעגענען מיט סאַמע לינדסטן
דעם פֿאַרבאָרגענעם אין זילבער טרוים,
פֿליבוסטיערן און אַוואַנטוריסטן,
בעת דער רויטער ווײַן טוט ווי דער ים אַ שוים.

סײַ אין פֿרייד און סײַ אין טיפֿן טרויער
הער זיך צו בשתיקה. הערסט דעם רוף?
אינעם פֿליבוסטיערדים דעם בלויען
ציט אַ בריגאַנטינע זעגלען שוין אַרויף.

1937



# צעציליע דינערע

(קרעסלעוו, לעטלאַנד, 1919 – בת־ים, 1996;

געשריבן אויף לעטיש)

# אַספּקלריא

אינעם שטיבל פֿון מײַן קינדהייט
איז קיין שפּיגל ניט געווען,
נאָר אַ שפּליטער ווי אַ פֿינגער ברייט
אויפֿן אָפּגעבליאַקעוועטן פֿענצטערברעט.
איך פֿלעג גיין צו אַ ריטשקע –
איך האָב געוואָלט דערזען אין איר
מײַן געשטאַלט,
נאָר זי האָט ניט געהאַט קיין צײַט מיך אָפּצושפּיגלען –
זי האָט זיך שטורמיש און האַסטיק
געאײַלט צו דער דווינע.
און דעמאָלט האָט מיך אַ צי געטאָן
צום נעענטסטן ברונעם.
האָב איך אַרײַנגעקוקט אין אים
און דערזען יענץ, וואָס איך האָב געזוכט,

און כ'האָב אַזוי זיך פֿאַרטיפֿט אין דעם,
אַז איך בין אַראָפּגעפֿאַלן
אין מײַן אייגענעם חלום –
איך האָב געהאַלטן אין איין פֿאַלן,
ביז איך האָב זיך געפֿונען
אין דער מאַמעס הויפֿנס:
האָב איך אויפֿגעעפֿנט די אויגן,
געפינטלט האַלב־וויינענדיק,
נאָר באַשלאָסן ניט וויינען –
כ'האָב אַ שמייכל געטאָן אין ענטפֿער אויף איר שמייכל –
דווקא אַזוי איז אין מײַן נשמה
פֿאַרגעקומען די צעטיילונג
בין האור ובֿין החושך!

# דעם זון

ניט געזעגנט מיט מיר,
ביסטו נעלם געוואָרן אויף אייביק.
איצט איז האַרבסט.
דער פֿאַסטעך פֿון קאַלטע ווינטן
רופֿט דיך זון.
אָדער, ס'קען זײַן, ברודער.
איצט וועט דער ייִאוש
דיך ניט דעריאָגן.
ער איז געבליבן אין מײַן האַרצן –
זיך פֿאַרטײַעט אין יעדן ווינקל
פֿון אונדזער שטוב,
אין יעדער וואָרט,

אין יעדן קלונג פֿונעם טיר־גלעקל.
ווען איך בייג זיך אָן איבער אַ בוך,
בייגט זיך אָן איבער דעם און מיר
אויך ער,
פֿאַרשנעלערנדיק מײַן אַוועקגיין.
איך גיי צו דיר
ווי אַ שטורקאַץ, וואָס האַלט בײַם דערברענען;
ווי בודהאַ,
וואָס שמייכלט פֿון אומדערטרעגלעכן ווייטיק.
נעכטן דאָרט,
אַרום דיר
פֿון דײַן אַבסאָלוטער שטילקייט

**האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינט**
**און אַ קוק געגעבן אויף מיר**
**מיט דײַנע אויגן.**
**כ'בין אַראָפּ צו דער דווינע.**
**דער ווינט**
**האָט אַ טאָרקע געטאָן מײַן פּלייצע,**
**אַ שאָרכע געטאָן מיט געפֿאַלענע בלעטער**
**און איז אַוועקגעפֿלויגן,**
**געלאָזט פֿאַר מיר**
**אין אַ שיפֿל,**
**וואָס האָט זיך געהוידלט**
**ניט ווײַט פֿונעם ברעג,**
**אַ שוואַרצע וועסלע.**



# פּאַול
# צעלאַן

(פּאַול אַנשעל;

טשערנאָוויץ, 1920 – פּאַריז, 1970;

געשריבן אויף דײַטש)

# טויטספֿוגע

שוואַרצע מילך פֿון קאַיאָר מיר טרינקען זי אין אָוונט
מיר טרינקען זי מיטאָג און אינדערפֿרי מיר טרינקען זי בײַנאַכט
מיר טרינקען און טרינקען
מיר גראָבן אַ קבֿר אין דער לופֿטן דאָרט וועט מען ליגן נישט ענג
אַ מענטש וווינט אין הויז ער שפּילט מיט די שלאַנגען ער שרײַבט
ער שרײַבט ווען עס טונקלט קיין דײַטשלאַנד
דײַנע גאָלדענע האָר מאַרגאַרעטע

ער שרײַבט עס און שטעלט זיך בײַם הויז און עס בליצן די שטערן
ער פֿײַפֿט זײַנע הינט זײַנע רידן
ער פֿײַפֿט זײַנע ייִדן זיי זאָלן גראָבן אַ קבֿר אין דר׳ערד
ער באַפֿעלט אונדז שפּילט יעצט צום טאַנץ

שוואַרצע מילך פֿון קאַיאָר מיר טרינקען דיך בײַנאַכט
מיר טרינקען דיך אינדערפֿרי און מיטאָג מיר טרינקען דיך אין אָוונט
מיר טרינקען און טרינקען
אַ מענטש וווינט אינעם הויז ער שפּילט מיט די שלאַנגען ער שרײַבט
ער שרײַבט ווען עס טונקלט קיין דײַטשלאַנד
דײַנע גאָלדענע האָר מאַרגאַרעטע
דײַנע אַשענע האָר שולמית
מיר גראָבן אַ קבֿר אין דער לופֿטן דאָרט וועט מען ליגן נישט ענג

ער רופֿט שטעכט טיפֿער אין ערדרײַך צו
איינע צו אַנדערע זינגט און שפּילט
ער כאַפּט דעם אײַזן אויפֿן גאַרטל ער דראָט זײַנע אויגן זענען בלוי
שטעכט טיפֿער מיט לאָפּעטעס צו איינע צו
אַנדערע שפּילט ווײַטער צום טאַנץ

שוואַרצע מילך פֿון קאַיאַר מיר טרינקען דיך בײַנאַכט
מיר טרינקען דיך מיטאָג און אינדערפֿרי מיר טרינקען דיך אין אָוונט
מיר טרינקען און טרינקען
אַ מענטש וווינט אינעם הויז דײַנע גאָלדענע האָר מאַרגאַרעטע
דײַנע אַשענע האָר שולמית ער שפּילט מיט די שלאַנגען

ער רופֿט שפּילט זיסער דעם טויט דער טויט
איז אַ מײַסטער פֿון דײַטשלאַנד
ער רופֿט שלאָגט טונקלער די סטרונעס דאַן וועט
איר אויפֿגיין ווי רויך אין דער לופֿט
דאַן וועט איר קריגן אַ קבֿר אין וואָלקנס דאָרט וועט מען ליגן נישט ענג

**שוואַרצע מילך פֿון קאַיאָר מיר טרינקען דיך בײַנאַכט**
**מיר טרינקען דיך מיטאָג דער טויט איז אַ מײַסטער פֿון דײַטשלאַנד**
**מיר טרינקען דיך אין אָוונט און אינדערפֿרי מיר טרינקען און טרינקען**
**דער טויט איז אַ מײַסטער פֿון דײַטשלאַנד זײַן אויג איז בלוי**
**ער טרעפֿט דיך מיט בלײַענעם קויל ער טרעפֿט דיך גענוי**
**אַ מענטש וווינט אינעם הויז דײַנע גאָלדענע האָר מאַרגאַרעטע**
**ער העצט זײַנע רידן אויף אונדז ער שענקט אונדז אַ קבֿר אין דער לופֿט**
**ער שפּילט מיט די שלאַנגען און טרוימט**
**דער טויט איז אַ מײַסטער פֿון דײַשלאַנד**

**דײַנע גאָלדענע האָר מאַרגאַרעטע**
**דײַנע אַשענע האָר שולמית**



# נאַום

# טיכי

(נחום שטילערמאַן;

מילטשין, וואָלינער גובערניע, 1920 –

קיִעוו, 1996;

געשריבן אויף אוקראַיִניש)

# אַ תּפֿילה פֿאַר אוקראַיִנע

ניט פּראַוואָסלאַוווער, דאַוון איך מיט דבֿקות
פֿאַר דיר צו גאָט צו מײַנעם, אוקראַיִנע.
אַ יאָר אַ שוואַרצס האָט ווידער (וועלכעס מאָל?!)
געטראָפֿן דיך. און ס'איז ניט אויסצוהאַלטן
דײַן ווײ, וואָס פּײַניקט מײַן נשמה, מאַמע.

פֿון קינדווײַז רוף איך דיך אַזוי, ווײַל קלײנערהײט
דײַן שויס די מוטערשע דערפֿילט האָב איך מיט דאַנקבאַר האַרץ.
איך שעפּ דײַן וואַרעמקייט די מילדע און איך גלייב,
אַז ניט קיין שטיפֿזון בין איך דיר אין דײַן געזינד.

פֿון וויגל אָן האָסט מיר געגעבן ברייט
דײַן שפּראַך באַפֿליגלטע. פֿון דײַנע ברונעמס טיפֿע
כ'האָלט אין איין אײַנזאַפּן דײַן כּוח און דײַן הויכן גײַסט,
דאָס לעבן פֿון מײַן וועזן, אוקראַיִנע.

איך בעט בײַ גאָט, ער זאָל פֿאַרטרײַבן
פֿון דיר די דראָענדיקע סטײַע שׂונאים.
זאָל ער פֿאַרקייטלען יענע ברודנע מײַלער,
וואָס שעלטן דיך מיט ליגנס אָן אַ שיעור.

זאָלן זיך קאָרטשען זשעדנע פֿרעכע הענט
אין קראַמפֿן ווי אין גסיסה בײַ די שׂונאים!
און דו זאָלסט אויפֿשטיין אויף די שטאַרקע פֿיס,
און דו זאָסלט אויסגלײַכן די שטאַרקע פלייצעס,
און דו זאָלסט זײַן בײַ קיינעם ניט פֿאַרשקלאַפֿט.
מלוכה מײַנע, ביסט מײַן פֿרייד און שטיצזײַל.

# תּיקון

אָ, ברוך אַתּה, גאָט פֿון מײַנע אָבות,
איך צי צו דיר די הענט מיט תּחנונים
און מיט אַ האָפֿענונג, אַז דו וועסט מיך דערהערן
און וועסט מײַן תּפֿילה אויפֿנעמען בחסד.

זאָל אוקראַינע גובֿר זײַן די שׂונאים!
זאָל נײַע כּוחות קריגן אוקראַינע!
און זאָל זי גליקלעך זײַן, מײַן ליבע,
מײַן איינציקע!

1992



# הענריך סאַפּגיר

(בייִסק, סיביר, 1928 – מאָסקווע, 1999;

געשריבן אויף רוסיש)

# ווייטיק

**דאָס האָט זי תּמיד פֿאַרשטאַנען גוט: מע טאָר ניט טאָן**
**ווי יענעם**
**„טאָר מען ניט טאָן ווי יענעם? יענעם דאָס איז גוט"**
**/מע טאָר ניט יענעם טאָן – ווי/**
**„ווייטיק דאָס איז גוט, דאָס איז יענעם"**
**/דער ווייטיק האָט פֿאַרשטאַנען גוט: מע טאָר ניט/**
**זי האָט ניט פֿאַרשטאַנען: „ווי טאָר מען ניט"**
**/ווייטיק דאָס טאָר מען ניט תּמיד/**
**זי האָט תּמיד פֿאַרשטאַנען: טאָן ווי דאָס איז גוט**
**דאָס טאָר ניט יענער**
**זי האָט גוט פֿאַרשטאַנען: ווייטיק דאָס איז תּמיד גוט**
**אָבער תּמיד טאָר מען ניט טאָן**

# בערג

אין בערג האָבן געשײַנט פֿײַנט – און תּמיד
פֿלעגן זיי געפֿינען איינער דעם צווייטן אין די בערג
געפֿונען אַ סיבה – איינער דעם צווייטן
עס האָט געשײַנט די סיבה וועלכע האָט זיי געהרגעט
זיי פֿלעגט תּמיד געפֿינען גאָט

פֿרײַנד פֿלעגן געפֿינען אין זיך אַ סיבה
הרגענענדיק איינער דעם צווייטן אין די בערג ווו גאָט
פינקטלעכער די סיבה פֿלעגט די פֿרײַנד געפֿינען
זיי פֿלעגן הרגענען איינער דעם צווייטן שײַנענדיק
עס פֿלעגט זיי תּמיד געפֿינען גאָט

פֿרײַנד און פֿײַנט גלײַך ווי בערג אין די בערג
די בערג פֿלעגן תּמיד געפֿינען איינער דעם צווייטן
און די סיבה פֿון אַלע סיבות פֿלעגן זיי געפֿינען
הרגענענדיק איינער דעם צווייטן פֿלעגן שײַנען די בערג
אונדז פֿלעגט תּמיד געפֿינען גאָט

# דער טאָפּלטער שאָטן

כ'האָב אַ ציטער געטאָן - מײַן טאָפּלטער שאָטן אויפֿן שניי
הויך טאָפּלט זיך די ווײַסע לבֿנה
אויף דער ווײַסער לבֿנה - אַ טאָפּלטער הימל
דרײַ שטערן - אַ דימענטענער פֿײַל
אויפֿן שניי - אַ דימענטענער פֿײַל
אַ ציטער געטאָן האָט די טאָפּלטע לבֿנה

הויך טאָפּלט זיך אַ ווײַסער שאָטן
אַ ציטער געטאָן האָט מײַן טאָפּלטער הימל
דער דימענטענער פֿײַל האָט דורכגעשטאָכן דעם שאָטן -

מײַן טאָפּלטן שאָטן אויפֿן שניי



# וולאַדימיר
# וויסאָצקי

(מאָסקווע, 1938 – דאָרט, 1980;

געשריבן אויף רוסיש)

# די ווערטיקאַל

ס'איז אײַך ניט קיין פֿלאַכלאַנד. דער קלימאַט איז האַרט.
אַ שניי־לאַווינע פֿאַלט אומדערוואַרט.
און שטיינערפֿאַלן לויערן צאָרנדיק־בייז.
מע קען טאָן אַ קער,
נאָר דאָרט, וווּ ס'איז שווער,
וווּ באַלד שוין דערפֿילט מען ווער איז ווער,
דאָרט גייען מיר אַרויף פֿאַרעקשנט־דרייסט.

ביסט דאָ ניט געווען
מיט ריזיקאָ־ברען
– האָסט ניט געפּרוּווט צי קענסטו דען
דײַן מענטשלעכע שוואַכקייט און ערדישן עול גובֿר זײַן.
ווערסט אונטן ניט טרעפֿן – כאָטש אייביק קריך,
הגם ווערסט דערלעבן ביז בײַכל און פֿליך
אַזעלכע נסים און שיינקייט און אייביקע שײַן.

אין אײַז האַקט מען טרעפּלעך. קיין טראָט אויף צוריק.
מע טשעפּעט זיך אײַן אין באַוואָרענונגס־שטריק.
דאָס האַרץ איז שוין גרייט צו דעם שפּיץ ראַפּטעם לויפֿן פֿון דיר.
די וועלט – אויף דײַן דלאָניע. ביסט גליקלעך און שטום.
און קוקסט פֿאַרהאַפֿט אויף דעם וווּנדער־אַרום
און טראַכסט, אַז פֿאַראַנען נאָך אַנדערע בערג אָן אַ שיעור.

קיין שוואַרצע סטענגעס, קיין רויטע רויז.
און ווי אַ מצבֿה כּלל זעט ניט אויס
דער שטיין, וואָס האָט דיר די אייביקע רו דאָ געשענקט.
נר־תּמיד פֿון אײַז,
בלישטשענדיק־ווײַס,
דערהייבט זיך טאָגטעגלעך ווי אַ באַוווײַז,
אַז דו האָסט געלעבט און געשטרעבט און געפּרוווט און געבענקט.

איז זײַן צי ניט זײַן?
איז שײַן צי ניט שײַן?
אַנטלויף אָדער שטערב אינעם גיהנום אַרײַן –
איז גלייב אָדער גלייב ניט אין מזל פֿון אײַזן און שטאָל –
– וועט קומען אַ מאָל
דערשפּילן דײַן ראָל
אַן אַנדערער פּליט פֿון ערדישקייט־עול
און אויפֿגיין געוואַגט צו דעם שפּיץ פֿונעם פֿרידלעכן טאָל.

***

אין געלער הייסער אַפֿריקע,
אין צענטער, ווו ס׳איז טומלדיק,
איין מאָל אויסער גראַפֿיקעס
געטראָפֿן איז אַן אומגליק.
ס׳האָט העלפֿאַנט אויף אַ טראַף
„אַ מבול!״ דורכגעסאַפּעט.
ס׳האָט זיך בקיצור אַ זשיראַף
פֿאַרליבט אין אַנטילאָפּע.

ווער עס מעקעט, ווער עס בילט,
ווער עס ברומט און הירזשעט ווילד
און אַ פּאַפּוגע גיט פֿון צווײַגן הויך איר מיין:
„זשיראַף איז גרויס. ער ווייסט אַלײן!״

דער זשיראַף האָט אַ געשריי
געגעבן אין אַ טשאַדע:
„אויב זי איז פֿאַר אײַך ניט גוט,
פֿאַרלאָז איך באַלד די סטאַדע!
אַלע בעלי־חיים גלײַך
זײַנען איצט געוואָרן.
בין איך מער שוין ניט מיט אײַך.
איר האָט מיך שוין פֿאַרלאָרן!״

ווער עס מעקעט, ווער עס בילט,
ווער עס ברומט און הירזשעט ווילד
און אַ פּאָפּוגע גיט פֿון צווײַגן הויך איר מיין:
„זשיראַף איז גרויס. ער ווייסט אַלײן!"

ס'האָבן אַנטילאָפּעס דעם זשיראַף ניט ליב געקראָגן.
„ער איז סתּם אַ לאַנגער יאָלד", - געזיפּצט אויף אַלע ראָגן.
האָט די אַנטילאָפּע זיי געזאָגט: „אויב אַלע מאָנען,
וועל איך באַלד אַוועקגיין מיט זשיראַף גאָר צו ביזאָנען!"

ווער עס מעקעט, ווער עס בילט,
ווער עס ברומט און הירזשעט ווילד
און אַ פּאָפּוגע גיט פֿון צווײַגן הויך איר מיין:
„זשיראַף איז גרויס. ער ווייסט אַלײן!"

אין געלער הייסער אַפֿריקע ניטאָ איז קיין אידיליע.
זשיראַף מיט זײַן זשיראַפֿיכע גיסן טרערן פֿילע.
נאָר קיין עצה איז ניטאָ, עבֿירה אויף עבֿירה.
ס'איז די טאָכטער פֿון זשיראַף מיט אַ ביזאָן פֿאַרהייראַט.

ס'איז ניט קלוג to fall in love,
נאָר שולדיק פֿאָרט איז ניט זשיראַף,
נאָר די פּאָפּוגע, וואָס געגעבן האָט איר מיין:
„זשיראַף איז גרויס. ער ווייסט אַליין".



# יוסף בראָדסקי

(לענינגראַד, 1940 – ניו־יאָרק, 1996;

געשריבן אויף רוסיש און אויף ענגליש)

# בריוו צום רוימישן פֿרײַנד

הײַנט איזווינטנדיק און בייזע כוואַליעס שמײַסן.
פּאָסטום, אַלץ אַרום וועט באַלד שוין אַנדערש אויסזען.
ס'רירט מײַן האַרץ דער אומבײַט – פֿונעם גרינס צום ווײַסן,
גלײַך ווי ס'בײַט איר קלייד מײַן ליבע. ס'איז די אָסיען.

ס'פֿרייט אַ בּתולה ביז אַ שטרענג באַשטימטער גרענעץ.
ווערסט ניט טאַפּן איבער קני צי עלנבויגן.
שיינקייט אָן אַ גוף. אַ שמייכל מיט אַ גענעץ.
אָן אַן אייפֿערזוכט, אָן קושן, נאָר די אויגן.

כ'טו דיר שיקן, ברודער פּאָסטום, אָט די ביכער.
און וואָס הערט זיך אין דער הויכער הויפּטשטאָט עפּעס?
און דער קייסער? וואָס מיט אים? רק פֿרעסט ער זיכער,
וועבט אינטריגעס און דערנעענטערט די שלעפּערס.

כ'זיץ בײַ זיך אין סאָד. עס ברענט דערווײַל דער לײַכטער.
אָן אַ דינסט, אָן אַ געליבטער, אָן חבֿרים.
און אָנשטאָט די דרייערס פֿון דער וועלט - אַ לײַכטער
זשום פון פֿליגן און קאָמאַרן. כ'בין בחרם.

דאָ האָט אויסגערוט אַ מיזרחדיקער סוחר.
גאַנץ גענִיט איז ער געווען און אומבאַמערקלעך.
בליײַקדחת. זייער גיך אַוועק ווי רויך ער,
גלײַך ווי רויך אָן שׂום געשעפֿטן, אָן שׂום פעקלעך.

לעבן אים אונטער אַ גראָבן שטיין - אַ קריגער.
זייער אַלט איז ער געשטאָרבן, גאַנץ בשלום.
וויפֿל שלאַכטן און סכּנות, פֿאָרט אַ זיגער
איז ער ווידער, פאָסטום. ס'איז ניטאָ קיין כּללים.

זאָל זײַן, פאָסטום, אַז מע איז קיין גרויסער חכם.
אויך אָן חכמות איז פֿאַראַן אַ ים מיט צרות.
ווען ס'איז באַשערט אַ רוימער זײַן - אַ בראָך אים.
לעב וואָס טיפֿער אין פראָווינץ, בײַם ים, אָן שׂררות.

ווײַט פֿון קייסער און פֿון קאַלטע זאַווערוכעס.
מ׳דאַרף ניט מורא האָבן, מ׳דאַרף ניט זײַן קיין לעקער.
זאָגסט, גנבֿים הערשן דאָ? צו אַלדי רוחות!
ס׳איז אַ גנבֿ און נישט מער, ניט קיין בלוטשמעקער.

איך בין מסכּים איבערוואַרטן אָט די זליווע
דאָ מיט דיר, געטערע, אָן אַ סחר־מכר:
נעמען געלט בײַם גוף, וואָס דעקט דיך מיט אַ ליבע,
איז ווי מאָנען אַ פּאָר גאָנטעס פֿון די דעכער.

זאָגסט, סע רינט פֿון מיר? נאָר וווּ איז דאָך די לוזשע?
ווײַל קיין לוזשעס לאָז איך ניט. דאָס איז אַ ליגן.
וועסט געפֿינען זיך אַ מאַן, איז אָן אַ בושה
וועט ער רינען אויף דער בעט, וווּ איר וועט ליגן.

מ׳איז שוין חצי אָפּגעלעבטע, חצי פֿוילע.
ס׳האָט אַן אַלטער קנעכט געזאָגט בײַם שענק מיר טאַקע:
„הינטער אונדז דערזעען מיר חורבנות הוילע".
דאָס איז אמת, כאָטש באַרבאַריש. אָט אַ מכּה!

כ׳בין געווען אין בערג, געבראַכט אַ קראַנץ אַ גרויסן.
כ׳וועל געפֿינען זיי אַ גרויסן קרוג, די בלומען...
וואָס איז איצט אין לובֿ? - צי ערגעץ דאָרט, כ׳בין אויסן.
דער מלחמה איז אַ סוף נאָך ניט געקומען?

פּאַסטום, נאָך געדענקסט דעם גובערנאַטאָרס שוועסטער?
אַזאַ דאַרינקע, נאָר פּיסלעך - עטוואָס דיקע.
האָסט געהאַט צו טאָן מיט איר... איצט דינט זי געטער,
איז אַ פּריסטערן געוואָרן שוין דער עיקר.

קום צו פֿאָרן. מיר׳ן טרינקען ווײַן מיט פֿלוימען
און מיט ברויט. דו וועסט דערציילן מיר ידיעות.
שלאָפֿן וועסט אין סאָד אונטער די שטערן־רוימען.
כ׳וועל דיר רופֿן די געשטערנס נאָך דער שקיעה.

פּאַסטום, באַלד וועט שוין דײַן פֿרײַנד, וואָס האָט ליב חיבור,
מוזן אָפּצאָלן זײַן אַלטן חובֿ דעם חיסור.

נעם דאָס ביסל געלט, דאָס אָפּגעשפּאָרטס, מײַן ליבער,
אויף לוויה מיט אַ ווירדע אַ געוויסער.

אויף דײַן שוואַרצער שקאַפֿע אין דעם טאָג דעם טריבן
זאָלסטו רײַטן צו געטערעס. מער צו קיינעם.
גיב די פּרײַז, וואָס איך פֿלעג צאָלן פֿאַר דער ליבע.
זאָלן זיי פֿאַר אָט דער פּרײַז מיך אויך באַווײנען.

לויבערביימער זײַנען גרין ביז צו אַ ציטער.
אַ צעפּראַלטע טיר, אַ שטויביק־מוטנע פֿענצטער,
אַ געלעגער אַ פֿאַרלאָזטער. אַ צעגליטער
שטאָף האָט אײַנגעזאַפּט די זון די האַלבטאָג־העכסטע.

ס'רוישט דער פּאָנט הינטער די שוואַרצע ביימער־פּלויטן.
ס'קעמפּט אַ שיף בײַם קאַפּ מיט בייזע שטורעם־ווינטן.
פּליני אויף דער באַנק שווײַגט טרוקן, אייביק, לויטער.
דראָסל־צוויטשערײַ – אויף קרויך־שפּיץ ערגעץ הינטן.



# אַלפֿאָנסאַס בוקאָנטאַס

(מרדכי מיכניצקי;

געב. אינעם דאָרף דאַפּשײַ פֿונעם
מאַזשייקער ראַיאָן פֿון ליטע אין 1941;

ווינט אין ווילנע. שרײַבט אויף ליטוויש)

***

איך וויל פֿאַראייניקן
אַ שטיין מיט אַ פֿויגל,
דעם חושך מיטן אור,
אַ פֿאַרלוסט מיט אַ האָפֿענונג...

אומפֿאַראייניקבאַרע ברעגן,
דעם אָנהייב און דעם סוף
וויל איך פֿאַראייניקן.

האָב איך צעבלאָזט
אין טאָל אַ שײַטער
נאָך אַ לאַנגער זליווע.

צי האָסטו געהערט מײַן קול?
צי האָסטו געזען, ווי עס דרייען זיך
שטערן־מילן?

קום איבערן בריקל,
וואָס איך וועל אויסבויען פֿאַר דיר,
קום, ווײַל איך מוז אַוועקגיין.

מיט אַ הייסן קויל אויף וואַסער
שרײַב אָן מײַן נאָמען.



# אַנע
# פֿרײַליך

(אַנע פֿרײַליך־זײַאַץ;

געב. אין קאַטאַטאַלדיק,

קירגיזסטאַן אין 1942, וווינט אין

ניו־יאָרק; שרײַבט אויף פּויליש)

# ס'איז דאָ

דאָס איז מײַן שטאָט
און איך בין אירע
און מיר שווימען לענגויס די ברעגן
אין דער קרישטאָלענער ציכטיקער לופֿט
איז דאָס שיין? - ס'איז ניט וויכטיק
און וויכטיק איז יענץ,
אַז ס'איז דאָ אַ שיפֿל
און ס'איז דאָ אַ האַפֿן

# צווישן אונדז איז דער אָקעאַן

צווישן אונדז איז דער אָקעאַן
די צײַט וואָס איז צעשניטן מיט אַ מעסער
מיר זײַנען אַזוי ווײַט איינער פֿון דער אַנדערער
און דער ניט נייטיקער זכּרון
לייגט נאָך דײַנע דלאָניעס אויף מײַנע באַקן
צערטלט נאָך מײַן אַקסל מיט וואַרעמקייט פֿון דײַן אַקסל

**און צוזאָגן פֿון בריוו ביכער און טעלעפֿאָן־קלונגען**
**זײַנען פוסטע מושלען**
**און אין זיי וועט קיין פערל זיך ניט באַווײַזן**
**יעדן טאָג גייען מיר ביידע אַרויס אויף פֿאַרשיידענע גאַסן...**

**פֿאַרוואָס טוען מעסער־ווונדן**
**זיך פֿאַרהיילן**
**אַזוי לאַנג?**



# לעאָניד קיסעליאָוו

(קיִעוו, 1946 – דאָרט, 1968;

געשריבן אויף רוסיש

און אויף אוקראַיִניש)

***

מײַן נבֿיא איז דער משוגענער אַמעריקאַנער פֿליִער,
וואָס האָט אַ יאָג געטאָן מיט זײַן אַעראָפּלאַן נאָך דער זון.
ער האָט זיך אויפֿגעהויבן אַלץ העכער און העכער
אין דער פֿלאַקערנדיקער זון אַרײַן,
אינעם פֿלאַקערנדיקן וואָרט אַרײַן.
און זײַן האַרץ האָט געקלאַפּט און זיך פֿאַרכליִעט,
צוהעלפֿנדיק דעם מאָטאָר.
ער איז געשטאָרבן צוליב מאַנגל פֿון זויערשטאָף.
ברוכשטיקלעך פֿונעם אַעראָפּלאַן האָט מען געפֿונען אויף דר'ערד.

1968

***

*Не бачила миленького*
*Чотири годочки*[1].

**אַ זינגליד**

**זינגט, מײַן שוועסטער, זינגט**
**װעגן אײַער אומגליקלעכער ליבע,**
**װײַל אין לידער איז די ליבע אומגליקלעך –**
**צו װאָס איז דאָך זינגען, אַז מע איז ניט סומנע?**
**אין כאַטע איז הייס און אין דר'אויסן איז װינטערדיק.**

---

[1] כ'האָב ניט געזען מײַן געליבטן פֿיר יאָרעלעך (אוקראַיִניש).

הינטערן פֿענצטער איז אַ פֿאַרשנייטער הויף,
הינטערן הויף איז אַ פֿאַרשנייטער טאָל,
און הינטער אים – אַ פֿאַרוואָרלאָזטע וועלט.
ווי גיך האָט איר, מײַן שוועסטער, זיך אָנגעטאָן
און זײַט געגאַנגען אינעם שניי, אין ווײַסן פֿעלד אַרײַן...
און אין לידער איז די ליבע אומגליקלעך.
צו וואָס איז דאָך זינגען, אַז מע איז ניט סומנע?
זינגט, מײַן שוועסטער, וועגן ליבע.

1968



# מאָיסיי (משה)
# פֿישביין

(טשערנאָוויץ, 1946 – קיִעוו, 2020;

געשריבן אויף אוקראַיִניש)

# כּל־נדרי

אוּן ס'וועט פֿאַרשווינדן נאַסער אַש פֿון שטערנליכט
אוּן ס'וועט שוין גאָרנישט זיך ניט רירן אוּן ניט בליצן
אוּן קרייצן וועלן ווערטיקאַלע שטראַלן־שפּיצן
העט אין דער הייך דײַן מיטאָגיק געזיכט.

אוּן איבער דורות פֿון אָנמעכטיקייט און שפּאָט
אוּן איבער שטומקייט פֿון אַ מענטש אַ מעלה־גירה
וועסט בעטן: – יאַווע זיך, געגאַרטע שירה! –
וועסט דאָרשטיק וואַרטן אויף אַ וואָרט פֿון גאָט.

אוּן וועסט דערהערן פֿון דער הייך אַ קול,
אַ פּוסטע ווײַסקייט, וואָס איז פֿון דער הייך דערגאַנגען,
אַ ניגון, וואָס באַפֿאַלט דיך מיטאַמאָל.

אוּן טרוימען וועסט מיט טרויעריקע קלאַנגען
אוּן וועסט דערפֿילן, ווי אַ מלכות־עול,
די סטרונע, וועלכע טוט צו גאָט דערלאַנגען.

טשערנאָוויץ, 1977



# מיכאל גענדעליעוו

(לענינגראַד, 1950 – תּל־אָבֿיבֿ, 2009;

געשריבן אויף רוסיש)

# סעפּטעמבער פֿונעם צוויי און אַכציקסטן יאָר

## א

עס קוקט ניט אויף דר'ערד דער באַשאַפֿער.
עס אַרט אים ניט – ער איז דאָך הויך, –
ווי ס'קאָרטשעט זיך ס'גרינוואַרג דאָס שלאַפֿע
אין פֿאַרבלאָזן זוניקן רויך.

און ס'גייען די טאַנקען פּאַוואָליע
אַראָפּ מיט אַ שלעפּקראַפֿט צום ים
אין רויִקן ריטעם פֿון דאָליע,
פֿון תּפֿילה, פֿון וואַסער, פֿון גראַם.

ב

עס איז דער באַשאַפֿער דער אַלטער
טויב־שטום און מסתּמא אויך בלינד.
אַ בלעזערל פֿליט אַ דעסאַנטלער
צום הימל, אַהיים מיטן ווינט.

עס טראָגן אומערדישע קראַפֿטן
פֿון דר׳ערד, ווו דער אומזין שלאָגט שטאַרק.
באַטאַליען־לבֿנה־לאַנדשאַפֿטן
– מע זעט זיי גאַנץ גוט פֿון אַ באַרג.

ג

אוי, גאָטעניו, וואָס זעסט אין חלום
בעת כ׳טו מיט אַ קויל אין דער האַנט
פֿאַרפֿילן די וועלט־זײַט אָן כּללים
– מיט באַבעלעך פֿול ביז צום ראַנד.

און אַלץ – וועגן אייבעקער ליבע
און ניט וועגן אומקום און טויט.
דאָס באַבעלע־האַרץ עטוואָס טריבע
פֿליט אויף מיט זײַן שוואַרץ און זײַן רויט.
ד

די זײַט ווערט ניט איבערגעבלעטערט,
זי ווערט אויסגעריסן מיט פּײַן,
אין גרענעץ־שלאַכט בליץ־גיך צעשמעטערט
בײַם טאָג בײַ דעם העלן טאָג־אײַן.

דער קוק פֿונעם בורא דער ענגער
ווערט האַסטיק אין אונדז אײַנגעפּרעסט.
ער רעדט ניט אויף רוסיש, דער שטרענגער,
איז אונדזערע נעמען פֿאַרגעסט.

עס רעדט ניט אויף רוסיש
אונדזער בורא דער שטרענגער,
איז רוסישע נעמען פֿאַרגעסט.

# שוואַרץ חזירל

## א

אַן איי אויפֿן דנאָ פֿון אַ שניי־ווײַס געפֿעס גלײַך ווי וואַרט אויף אַ קער.
שטילקייט פֿילט אָן דעם געלאָף פֿון אָט די בידנע שאַטירונגען.
שטרענג איך אָן מײַן אומבאַמערקלעכקייט פֿון אַ צוקינפֿטיקן יעגער:
אויף אַ שוואַרץ חזירל גייט דער געיעג.
דאָס שוואַרצע חזירל איז זינלאָז.
אַ שאַרפֿע מאָרדע פֿון אַ טיפּישן שוואַרצן שירעם.

## ב

די פֿרימאָרגנדיקע שײַן קוועטשט זיך אָפּ פֿון דיל־ברעטער מיט
שטויבלעך־קרייצלעך.
דער פֿרישטיק איז געענדיקט און איך פֿאַרשליס זיך אין אַ וואָלקן
פֿון אַן אָנגעשטרענגטער פֿרײַהייט.



# אַלעקסיי
# פֿאַרשטשיקאָוו

(אַלעקסיי ריידערמאַן;

אָלגאַ, פּרימאָריע, 1954 – קעלן, 2009;

געשריבן אויף רוסיש)

דער ציל איז פֿאַרנאַרנדיק, גלײַך ווי כ'וואָלט פֿאַרזאָטלט
אַ לופֿטגרוב.
גלײַך ווי אַ בליק פֿון איינעם, וואָס שפּירט נאָך
רולעטקע, גיך איז דאָס שנוקעלע
בײַ שוואַרצע חזירימלעך.
געטינס פֿון היילן און פֿון פֿאַרלאָשענע פֿאַרעס
זײַנען פֿון דער זעלבער טבֿע.
שטיל באַוועגט עס זיך, גלײַך ווי אַ טראָפּן בלוט
פויזעט שוואַרצלעך
איבערן גלאַנצנדיקן כראָם.

ג

דאָס שוואַרצע חזירל איז אַ פּופּיק פֿון בלינדקייט אין דער
שוויצערײַלופֿט,
וואָס איז אויפֿגעהעפֿט מיט פּאַוועס.

עס באַציט זיך מיט ביטול צו דער לבֿנה אין קוואַדראַטור מיט אוראַנוס,  
נאָר עס גייט אַרום מיט דער זון פּראָסט און פשוט אין איין טרינגאָן.  
לאָז זי פֿאַרבײַ אומעטום – עס וויל געכאַפּט ווערן!  
איר מוזט געפֿינען זיך איינס צום צווייטן מיט פּלייצעס.  
בעת אַזאַ מין געיעג קען זיך אָפּשטעלן די צײַט.

ד

כ׳וואָלט עס געשטעלט העכער פֿון די שיפּועים בײַם דנעפּער.  
כ׳וואָלט עס אַרויסגעפֿירט צו שפּאַצירן  
בלויז אין רויטע גוואָזדיקעס.  
ס׳וואָלט עס ליב געקראָגן דער פֿילעווודיקער עמיל זאָליאַ.  
צירצייע פֿון מײַן אָדיסייע, לאָז מיך, טשעפּע מיך ניט!  
עס גריסן עס חילות פֿון האַלב־ווילדע לענדער,  
ווּו איך ווין אָן אַ לות.

# די ראַנגלער

זיך צונויפֿגייענדיק, ווערן זיי נעלם איינער פֿאַרן צווייטן
גערולדיק -
דורכן בער, דורך דער פֿיש - צו די קרעבסאַרטיקע,
וואָס באַלאַגערן זייער נשמה.
זיי טאָפּטשען זיך, זיי זשמורען זיך, גלײַך ווי בײַטנדיק לינזעס,
דיביידע זײַנען קלאָר די גאַרטלען אויף די מאַנטלעך.
די וואָג וויקלט אײַן די קעמפּער און שטאַרצט,
זיי וואַרפֿן זי אין צענטער פֿונעם טאַנץ,
זי וויברירט ווי אַ שטאַם,
וואָס איבער אים קלעטערט מען פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן אַרויף,
רירנדיק איינער דעם צווייטן מיט פֿינגער,
אָבער זעענדיק ניט קיין ריוואַל.
עס האָט געדאַכט, שלאָגט מען זיך אויפֿן שפּיץ.

נײן, אין קרוין,
וואָס פּילט אַן דעם לבֿנה־קויל. מ׳זוכט
אַ ריוואַל צווישן צווײַגן. לסוף
נעמט מען זיך אַרום, פֿאַרחידושט,
ווי אַ ברילקראָם אין שײַטער.
דער ערשטער איז סענקעוואַטער פֿון אַ פֿאַרפּלייצטן ברונעם
און נאַס.
דעם צווייטנס פֿעיִקייט צו שיטן זיך איז אַזאַ,
אַז
ר׳וואָלט באַוויזן פֿאַרפֿילן אַן אויער
פֿון אַ שפּרינגנדיק פֿייגעלע.
עס חלומט זיך די ביידע: אַ שטיין, אַ ציגל, אַ הענטל,
אַן עפּעלע פֿון אַן עפּלבוים,
קין און הבֿל.

ISBN 978-5-6044634-1-3